STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04889

AHAD-HA-AM

Nahum Summer

*Permanent preservation of this book was made possible
by Marilyn I. Ludzki
in memory of
her father, Simon Ludzki*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

10+

נחום סומער:

אחד-העם

(אַ פּרואוו פון אַ כאַראַקטעריסטיק)

פאַרלאַג א. וו. בידערמאַן
184 — 2טע עוועניו, ניו־יאָרק
1941

געווידמעט דיר, מיין זון, מרדכי חיים —
זאָל דאָס אידיש וואָרט וואָס מיר האָבן אין אונזער גורל־
וועג אויסגעווייטיקט, דיר ניט פרעמד ווערן.

Copyright 1941
By N. SUMMER
New York, N. Y.

369

אריינפיר־וואָרט

מענטשן וואָס זיינען נעכטן געווען די וואָרט און דעה זאָגער, די אַקס פון אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, הויבן אָן ביסלעכווייז פאַרגעסן צו ווערן. די צייט אין וועלכער מיר לעבן, טראָגט אויך צו איר ביישטייער צו טעמפּן דעם היסטאָרישן זכרון. מ׳קאָן אויסרעכענען אַ גאַנצן רייסטער פון נעכטן־באַרימטע־פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען היינט — פאַרגעסענע. ניט נאָר מענטשן האָבן דעם דאָזיקן גורל, נאָר אויך אידייען האָבן דעם זעלביקן גורל. אידייען וואָס האָבן נעכטן באַאיינפלוסט און געדינט ווי דער מאָטאָר פון דער צייט, זיינען היינט געשיכטלעך־אויסגעשפּיגענע און פאַרגעסענע. אפשר איז עס נאָר געוועדט אין אַבנאָרמאַלע צייטן, אין צייטן, ווען דער וואָרם פון פּעסימיזם און יאוש פרעסט די מענטשלעכע נשמה און מען זעט ניט קיין זין אין אריינלאָזן זיך אין היסטאָרישע חשבונות.

אָבער אַנדערש איז עס אין אידישן לעבן. גראָד אין מאָמענטן פון געפאַלנקייט, פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישער ירידה, לאָזט זיך מערקן אַ סענטימענט פון היסטאָרישער אָפּפרישונג און באַנייאונג. מ׳הויבט אָן איבערקוקן דעם גייסטיקן באַגאַזש פון נעכטן. מ׳האָט געמיינט, אַז די אַסימילאַציע פון דרויסן וועט אונז איינשלינגען און עס וועט נעמען עטלעכע דורות און ס׳וועט ניט בלייבן קיין געדעכעניש פון אונז. עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס זיינען אריינגעפאַלן אין אַזאַ פּעסימיסטישן פּסיכאָז, אַז זיי האָבן געדענקט, אַז זיי זיינען שוין די לעצטע וואָס וועקן דעם אידן אָנצוהאַלטן זיין היסטאָריש־טראַדיציאָנעלן יחוס. זיינען זיי געווען פאַלשע נביאים. זייער פּעסימיזם איז געווען אַ צופיל איבערטריבענער. פאַרקערט זיינען געווען די קאָנסעקווענצן. די דרויסנדיקע וועלט האָט אונז צוריקגעשיקט צו אונזער אידישער היים און צו אונזער אידישער געשיכטע. אויך דער ראַדיקאַליזם אויף דער אידישער גאַס, וואָס האָט געבראַכט חורבן און צעפאַלונג צו אידישע טראַדיציעס און גייסטיקע גיטער, און אייניקע וואָרט־פירער האָבן געזען ירידה און אונטערגאַנג, זיינען

אויך זייערע שווארצע נביאות ניט מקוים געווארן. עס מערקט זיך לעצטנס אויף דער אידישער גאס א טענדענץ צו רעווידירן דעם נעכטיקן אפיקורסישן ראדיקאליזם. די אידישע טראדיציעס און די אידישע גייסטיקע אוצרות וואס זיינען נעכטן באטראכט געווארן אלס טריף און פארפירעריש — זיינען היינט געזעצלעך אנערקענטע פונקטן אין ראדיקאלע פרינציפן־פראגראמען. איז עס א דערפרייענדיקע דערשיינונג. אזוי איז עס שטענדיק געווען. מיט וואס פארא אנאליטישע פאקטארן דאס לאזט זיך דערקלערן, איז באמת שווער צו זאגן. אבער צוליב וואס נויטיקן מיר זיך אין דערקלערונגען. קיינע דערקלערונגען וועלן דעם ענין ניט קלערער מאכן. עס וועט פאר אונז סיי ווי בלייבן א מיסטעריע. איינע פון יענע געשיכטלעכע מיסטעריעס, וואס לאזן זיך מיט ראציאנעלע פארמולעס ניט דערקלערן. וואו־ל איז צו דעם געטלעך־גלויביקן. ער זעט אין דער דאזיקער דערשיינונג א געטלעכן נס . . . ער פרובירט ניט אנווענדן זיין מענטשלעכע לאגיק צו אזעלכע מיסטעריעס . . .

מיר ווייסן, אבער, אז ווען די מאכט פון שווערד האט אונז פרובירט פארניכטן, האבן אונזערע געלערנטע געשריען: „תן לי יבנה". און גערעכט זיינען זיי געווען ווי עס ווייזט אויס. מ'קאן א מענטשן פיזיש פארניכטן און אומברענגען, אבער זיין גייסט קען מען ניט אויסראטן. דאס איז אויך אמת מיט פעלקער. און אויך אין אונזער צייט, ווען דער גיפט פון נאצי־פאשיזם זוכט אונזער אויסראטונג, הויבט מען אין דער אידישער וועלט אן צו טראכטן וועגן גייסטיקע אוצרות. מ'הויבט אן זארגן וועגן פרעזערווירן די קולטור־באגאזשן. מ'הויבט אן אפשאצן און איבערשאצן אונזערע נעכטיקע קולטור־שאפונגען.

איז אין אט דעם מאמענט פון קולטור־אויפבלי, די ריכטיקע צייט אפצופרישן דעם זכרון פון דער נאענטער פארגאנגענהייט. מ'דארף אויפסניי באטראכטן, ניט נאר די נעכטיקע שאפונגען — נאר אויך די נעכטיקע שעפער.

אשר גינזבורג, אדער ווי ער איז בעסער באוואוסט מיט זיין פשוט'ן פען־נאמען, אחד־העם. איינער פון פאלק. הגם דער דאזיקער „איינער" איז געווען איינער פון זיין דור. איינער וואס האט

אויסגעאיבט א קאלאסאלן איינפלוס אויף דער נאציאנאלער רענעסאנס־באוועגונג און בייגעטראגן זיין גרויסן אינטעלעקט — איז ער דאך געווען באשיידן און זיך אנטפלעקט ווי — „איינער פון פאלק”. וואס פארא תמימות און דעמאקראטישקייט ליגט אין דער דאזיקער אנטפלעקונג! זיין ווארט איז געווען שארף און בייסיק. פאר סענסיטיוו־אידעאליסטישע נשמות, אפשר צו־שארף און צו־בייסיק זיינען געווען זיינע געדאנקען. מ׳האט בחוש דערפילט, אז הינטער דעם אומשולדיקן, באשיידענעם פסעוודאנים, באהאלט זיך א גרויסע אינדיווידואליזירטע פאלקס־נשמה מיט אן אייגנארטיקן גייסטיקן ריטם, מיט א ספעציפיש־אינדיווידועלן געדאנקען־גאנג, וואס האט שוין אנגעצייכנט זיינע קאנטורן אין דער נאציאנאלער באפרייאונגס־באוועגונג. מ׳איז דערשטוינט געווארן פון זיין שווער־געוויכטיקער קריטיק, פון זיין געוואגטער לאגיק. מ׳האט געהאלטן אפן די אויערן און געווארט וואס דער „איינער פון פאלק” וועט ווייטער זאגן וועגן דער און יענער פראגע . . .

אין דעם אופן ווי אחד־העם האט זיך אנטפלעקט, איז געווען עפעס נביא׳שעס. אויך די גרויסע נביאים פון אידנטום, וואס האבן רעוואלוציאניזירט דעם אידישן גייסט מיט זייערע שארף־שניידנדיקע געדאנקען, האבן זיך אנטפלעקט ווי גאטס־שלוחים און ניט ווי מיסיאנערן מיט אינדיווידועלע מיסיעס. זייער ווארט האט דערצארנט רעגירער און פריסטער, אבער זיי האבן זייערע אמת׳ן ארויסגעזאגט אומדערשראקן און מוטיק. אויך אחד־העם האט זיינע אמת׳ן ארויסגעזאגט ווי איינער פון די פאלק־ראמען, ווי א פאלק־פארטרעטער, כאטש קיינער האט אים די מיסיע ניט אנפארטרויט, איז ער דאך געווען דער געטרייער פאלק־רעפרעזענטאנט, וואס איז געקומען רעדן אין נאמען פון פאלק און פאלקס־קיום. ער האט ניט פארטיידיקט זיין שטאנדפונקט, נאר דעם פאלקס־שטאנדפונקט. און זיינע געדאנקען זיינען געווען געוואגטע און געצילט קעגן די אנערקענטסטע פון די דעמאלטדיקע פירער. הגם ער האט שארף און ביטער באקעמפט די מעטאדן און די טאקטיק פון פאליטישן ציוניזם — האט ער, אבער, געהאט די בעסטע מיינונגען וועגן דעם שאפער פון פאליטישן ציוניזם..

ווער איז אַטחער פּערזאָן?

וואָס איז זיין געדאַנקען-וועלט, וואָס האָט רעוואָלוציאָניזירט דעם ציוניזם און וואָס האָט געוואונען אזוי פיל פריינט און „פיינט” פון אַלע קרייזן פון אידנטום?

מיר וועלן אויף אונזער באַשיידענעם אופן פּרובירן אַנטוואָרפן אַלעבנים - פּאָרטרעט וועגן אַט דעם גייסטיקן ריז, באַזירט אויף די ביבליאָגראַפישע קוואַלן, וואָס מיר וועלן אָנגעבן אין אַן אַנדער אָרט.

מיר זאָגן ניט צו קיין מאָנומענטאַלע, אַלזייטיק-אויסשעפּלעכע ביאָגראַפיע. אויב איר ווילט איז'ם מאַטעריאַל פאַר א ביאָגראַפיע, און אויב איר ווילט, איז עס לעקסיקאַנישע נאָטיצן. מיר וועלן דאָ און דאָרט, אפשר, זיך באַציען פּאָלעמיש צו געוויסע פראַגן, וואָס אחד־העם האָט ארויסגעזאָגט, אָבער סוף־כל־סוף האָבן מיר אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן, וועט מיר דאָס זיכער פאַרגעבן ווערן.

די סביבה און דער איינפלוס אויף אחד־העם׳ס לעבן

ווען מיר ווילן זיך שאפן א באגריף וועגן דעם פסיכישן אונ־טערשיד, צווישן דעם מזרח־אייראפּייאישן איד — אחד־העם, און דעם מערב־אייראפּייאישן איד — טעאדאר הערצל, מוזן מיר זיך באקענען מיט דער סביבה אין וועלכער אחד־העם איז דערצויגן געווארן און אנגעהויבן צו קריגן זיינע ערשטע גייסטיקע זאמען, וואס האבן שפּעטער זיך פאנאנדערגעוויקלט אין א פּראכטפולן בוים פון אונזער קולטור־רענעסאנס. די דאזיקע באקאנטשאפט קאן אונז דינען ווי א שליסל פאנאנדער צו שיפרירן די דאזיקע צוויי גייס־טיקע ריזן פון אידנטום, וואס האבן, אפטמאל, געהאט שארפע חלוקה־דעות אין דער אויסטייטשונג און פארטייטשונג פון דער אי־דישער געשיכטס־פילאזאפיע.

פון איין אידישן גייסטיקן ווינקל, קעמפט דער אלטער דור מיט זיינע אמאליקע באגריפן און מעטאדן פאר זיינע אלטע אידעאלן, וואס ווערן פערזאניפיצירט אין דעם חסידיזם פון בעל־שם און זלמן שניאור׳ן; פאר דער ווייטערדיקער פרעזערוואציע פון זיינע אלטע פעדאגאגישע אינסטיטוציעס — דעם חדר און די ישיבה. די צוויי אינסטיטוציעס וואס האבן אזויפיל פארדינסטן פאר דעם אויפהאלט פון דער אידישער אמונה און וואס האבן אונז געדינט ווי די הויפּט־אינסטרומענטן פון אידישן קאמף פאר א סך, א סך דורות.

און פון א צווייטן גייסטיקן ווינקל קעמפט דער אנדערער צד — די יוגנט. דער נייער דור, וואס ווערט מיטגעריסן דורך די נייע ווינטן, וואס האבן אנגעהויבן אריינדרינגען צווישן רוסישן אידנ־טום פון מערב־אייראפּע: — פאר דער גימנאזיע און דעם אוני־ווערזיטעט. די מאדערנע אינסטרומענטן פון „וועלטלעכער דער־ציאונג". דער יונגער עלעמענט, דורך זיינע ווארט־פירער: סמאָ־לענסקין, י. ב. לעווינזאן, מאפו, גארדאן, גאטלאבער א. אנד., קעמפט מיט עקסטאטישער באגייסטערונג פאר די׳וועלטלעך־פראגרעסיווע׳גע־דאנקען פון אידישער גלייכבארעכטיקונג, אלס א גלייכער ארגאני־שער טייל פון דער רוסישער קולטור.

עס הויבט זיך אן דער רענעסאנס פון דער מאדערנער העב־רייאישער ליטעראטור. איינגנטלעך צו זיין היסטאריש אביעקטיוו, ווערט דערנסטמאל געשאפן אין אלע דריי שפראכן: די שפראך פון דער ביבל, העברייאיש, די פאלק־שפראך, אידיש און די לאנד־שפראך, רוסיש. עס הויבן אן פארשפרייט ווערן בלעטער אין די דערמאנטע שפראכן, וואס רעוואלטירן קעגן די אמאליקע טראדיציעס און דרכים. זיי פארשפרייטן צווישן דער אינטעליגענץ און די פאלק-מאסן די נייע טענדענצן.

נו, אין דער דאזיקער סביבה פון קאמף פון צוויי פיינטלעכע לאגערן, ווערט געבוירן און דערצויגן אחד־העם. איז עס קיין וואונדער ניט, וואס אויף זיין גייסטיקן לעבן ווערט אפגעשטעמפלט די דאזיקע עפאכע פון רוסישן אידישן לעבנס־שטייגער, בפרט נאך ווען דער דאזיקער קינד איז געבוירן געווארן אין א הויז פון פרום־פאנאטישע עלטערן. דער זיידע זיינער, וואס באטראכט זיך אלס א זייל פון חסידיזם און פילט דעם רעוואלט פון דער נייער צייט, איז נאך מער פאר'עקשנ'ט, אז זיין אייניקל זאל פארטזעצן אין די פיס־טריט פון זיין דור, וואס צאנקט און הויבט אן אויסגיין פון שוואכקייט. ער דערלויבט אים אפילו ניט זיך צו באקענען מיט די רוסישע בוכשטאבן, וואס ער באטראכט אלס אן אנהויב צו נייע וועלטן און נייע געדאנקען. געוויסע קריטיקער ווילן אונז באווייזן, אז אחד־העם איז ניט געשטאנען אונטער דער השפעה פון זיין סביבה. זיין וועלט־באנעם איז געווען שטרענג־ראציאנאליס־טיש און אין זיין גייסטיקער אנטוויקלונג איז ער געשטאנען אונטער א גאנץ אנדערער השפעה, געווען זייער ווייט פון זיין צייט־סביבה.

גלויבן מיר ניט, אז די דאזיקע קריטיקער זיינען פולשטענדיק אויסגעהאלטן. אמת, אז אחד־העם איז געווען באאיינפלוסט פון דער דייטשער פילאזאפיע און פון דער פראנצויזישער סאציאל־פסי־כאלאגיע, ווי מיר זעען עס אין זיינע גלענצנדיקע עסייען, וועגן דער אידישער היסטאריאזאפיע. אבער ווען מיר בליקן טיפער אריין אין זיין גאנצער גייסטיקער פיזיאנאמיע, ווען מיר האבן פאר זיך יענע גייסטיקע וועלט, אין וועלכער אחד־העם האט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אויף דעם גייסטיקן האריזאנט פון רוסישן אידנטום.

עס איז אפשר זייער כאראקטעריסטיש, וואס אין זיין קאמף קעגן „פאָליטישן ציוניזם", אלס הויפּט־ציל פון אידישער באפרייאונג, האָט ער ארויסגערוקט זיין „גייסטיקן ציוניזם", אלס דעם ענדציל פון אידישן רענעסאנס. אין אנדערע ווערטער: ער האָט נעגירט די פּאָליטיק, פאר דער מאָראלישער אויפלעבונג פון דעם אידישן קולטור־בוים אין זיין אמאָליקער פּראכטפולער גאנצקייט. דער נביא, דער עטישער אויסלייטערער איז פאר אים געווען ווייכטיקער, ווי דער דיפּלאָמאט, דער מאָדערנער שטאטסמאן. הגם, ער האָט זייער גוט פארשטאנען דעם באדייט פון דער מאָדערנער שטאטס־פּאָליטיק אין אלע אירע פאזן, ער האָט געוואוסט, אז אָן א געהעריקן פּאָליטישן סטאטוס (מיר וועלן נאָך שפּעטער אין דעטאל רעדן וועגן דעם), קאָן די אידישע גאולה ניט דערגרייכט ווערן, איז דאָך זיין ציל־ברעט, שטענדיק געווען דער יעניקער, וואס האָט נעגירט דעם באדייט פון אונזער גייסטיקער עמאנציפּאציע. צוגלייך מיט דעם פּאָליטיש־געאָגראפישן חורבן, האָבן מיר אויך דורכגעמאכט א גייסטיקן חורבן, זיינען געווען זיינע טענות.

דאָ האָבן מיר פאר זיך אן אלטע היסטאָריש־לעגענדארישע פּערזענלעכקייט, וואס באקעמפט דעם גייסטיקן איינפלוס פון העלע־ניזם מיט מער מסירת־נפש, ווי זיין פּאָליטישע אינוואזיע. דאָ זעען מיר בולט דעם איינפלוס פון זיין פרום־אָרטאָדאָקסיש־חסידישער פאמיליע, און ניט די השפעה פון דער דרויסנדיקער וועלט. דאָס וואָרט אסימילאציע, אפילו אין די לייכטע פאָרמען, איז פאר אים — טאבו, אין דער צייט, ווען הערצל, אין זיין „אידנשטאט", באַ־טאָנט אָפטמאָל דאָס וואָרט אסימילאציע אלס אן אויסוועג פאר גע־וויסע טיילן פון אידנטום.

איז א"ה פולשטענדיק גערעכט אין זיינע שארפע עפּיטעטן קעגן דער אסימילאציע. האָט דאָך די צייט אונז באוויזן, אז דער מינדסטער באגריף, אז אסימילאציע, קאָן אונז דינען פאר א מעג־לעכער לייזונג פאר געוויסע ברוך־טיילן פון אונזער פאָלק, איז איצט, נאָך די לעצטע געשיכטלעכע דערפארונגען, צערונען. דער אסימילאציע-באגריף האָט איצט פולשטענדיק באנקראָטירט. איז אָבער אחד־העם ניט פולשטענדיק אויסגעהאלטן, — אין ליכט פון

די איצטיקע געשעענישן און די נאָענטסטע פּערספּעקטיוון פאַר אונ־זער קיום — מיט זיין הויפּט־אַקצענטירונג — פאַר דעם „גייסטיקן ציוניזם”. דאָ איז דער פּאַטער פון פּאָליטישן ציוניזם, גערעכט, אין ליכט פון די איצטיקע געשעענישן: אָן א מערהייט אין ערגעץ־וואו, און אָן א געזיכערטן פּאָליטישן סטאַטוס, זיינען אונזערע גייסטיקע אוצרות, לויזע אָביעקטן, וואָס קאָנען לייכט צעשטויבט ווערן, דורך אינערלעכער צווייפלונג און דרויסנדיקע פיזישע און גייסטיקע פּאָג־ראָמען.

דער פרומער זיידע און די עלטערן

מיר האָבן שוין אין פריערדיקן קאַפּיטל געגעבן אָנצוהערן, אַז אחד־העם איז דער פּראָדוקט פון אַ פרום־פאַנאַטישער סביבה. זיין זיידע איז געווען אַ פאַרברענטער חסיד מיט אַלע פישטשעווקעס, וואָס מיר פאַרשטייען אונטער דעם באַגריף. ער האָט אפילו דעם קליינעם, געראָטענעם מוזיניקל, אָשר'ן, שטרענג פאַרבאָטן זיך איינ־צוקוקן אויף די בוכשטאַבן פון דער רוסישער „אַזבוקאַ", מחמת, די דאָזיקע „גוי'אישע" אותיות, זיינען נאָך מסוגל קאַליע צו מאַכן די אויגלעך פון קליינע אידישע קינדערלעך.

זיין פאָטער, ישעיה, איז לויט גליקסאָנען, געגאַנגען אין די פיס־טריט פון זיין פאַטריאַרכאַלישער, מיוחס'דיקער משפּחה. ער איז געווען פרום ווי זיין פאָטער און שטרענג אָפּגעהיט אין אַלע טראַ־דיציאָנעלע דרכים. ער איז געווען היפּש פאַרמעגלעך און האָט געפירט די שטוב מיט אַ ברייטער האַנט.

וועגן זיין מוטער דערציילן אונז די ביאָגראַפן זייער ווייניק, כמעט ווי גאָרנים. אָבער מ'קאָן זיך משער זיין, אַז זיין מוטער איז ניט געווען ווייניקער אָפּגעהיט אין די טראַדיציאָנעלע דרכים פון דער חסידישער משפּחה. אין ערגעץ ווערט ניט אָנגעוויזן אויף דער גייסטיקער השפּעה פון דער מוטער אויף איר טאַלאַנטפולן און לייטישן זון — וואָס וואַקסט שפּעטער אויס, ווי אַ זייל, ווי אַן עפּאָכע־מאַכנדיקע פערזענלעכקייט. אָבער ווען מיר זאָלן וועלן זיך באַנוצן מיט פסיכאָלאָגישער פּילפּול'יסטיק, וועלן מיר מן־הסתם דאָ און דאָרטן געפינען קערנער פון גייסטיקער ירושה, פון דער צניעות'דיקער, פרומער מוטער — אין דער אויסגעשטאַלטונג פון דער פערזענלעכקייט — אחד־העם. זי האָט זיכער באַרייכערט זיין נשמה מיט דעם עלעמענט פון פרויען סענסיטיווקייט און מוטערלע־כער סענטימענטאַליטעט. זי האָט ווייכער געמאַכט זיין שטרענגן קוק אויף זאַכן און דערשיינונגען — און אפשר איז דאָס זיין מו־טערס השפּעה, וואָס אין אַ טייל פון זיינע בריוו צו פאַרשיידענע

געזעלשאַפטלעכע טוער און שריפטשטעלער, געפינען מיר פיל שטעלן פון אַ לירישן כאַראַקטער, וואָס האָבן אַ באַזונדער אייגנאַרטיקן חן. אָבער מיר ווילן די דאָזיקע פסיכאָלאָגישע אקראָבאַטיק לאָזן פאַר מער געניטע־ערע הענט. מיר ווייסן, אַז אידישע משפחות האָבן געלעבט זייער באַשיידן און האָבן אונז ניט געגעבן די מעגלעכקייט אַריינצוּבליקן אין דעם אינטימען ,טאָג־טעגלעכן לעבן, אַזוי אַז די ווייטערדיקע דורות זאָלן האָבן אַ קלאָרן באַגריף, וועגן זייער אַרט און שטייגער לעבן. עס זיינען נאָך היינט צו טאָג פאַראַן פרומע מענטשן, וואָס לאָזן, צום ביישפּיל, אַ פאָטאָגראַפיע ניט אַרונטערנעמען פון זיך.

די אידישע עטנאָגראַפיע, איז נאָך ביים היינטיקן טאָג זייער אָרים אין מאַטעריאַל. ס'קומט נאָך אָן דעם היסטאָריקער מיט גרינער גאַל, ווען ער דאַרף זיך גריבלען אין משפחה־כראָניק. עס איז נאָך אַ פעלד, וואָס איז נאָך ווייט, ווייט ניט באַאַרבעט.

געבורטשטאָט, קינדער־יאָרן, אידישע און אלגעמיינע דערציאונג

אחד־העם, אָדער ווי ער האָט זיך גערופן, אָשר בן־ישעיה גינזבורג, איז געבוירן געוואָרן דעם 5־טן אויגוסט, 1856, אין דעם שטעטל סקווירע, קיעווער גובערניע. די שטרענגע פרומקייט פון אחד־העמ׳ס עלטערן, האָבן ניט דערלויבט דעם קליינטשיקן אָשר׳ן זיך אויסצולעבן ווי אלע קינדער, ארומגערינגלט מיט יענער פריי־לעכער, נאאיווער, קינדער־סביבה. די וועלט פון קינדערישע פלאָפּ־לעריען ברענגט דאָך אריין אזוי פיל פרייד און שיינקייט אין דעם לעבן פון מענטשן, — פון דער דאָזיקער וועלט האָט דער קליינער אָשר קיין שום אנונג ניט געהאט.

צו דריי יאָר האָט מען שוין דעם קליינעם קינד איינגעשפּאנט אין יאָך פון חדר. צו צען יאָר לערנט ער שוין ש״ס און פוסקים. אין עלטער פון פופצן יאָר איז ער שוין געשוואומען ווי א דערפא־רענער, אין גרויסן ים פון דער פּילפּוליסטיש־תלמודישער ליטעראַ־טור.

ווי עס איז צו זען, איז זיין פריע יוגנט אונטערגעוואָרפן גע־וואָרען צו א רעגלאמענטירט־דיסציפּלינירט לעבן, און דאָס דאָזיקע לעבן ליגט אויף דעם יונגן אָשר׳ן ארויף א באזונדערן חותם. צו עלף יאָר הויבט ער אָן ליידנשאַפטלעך צו רויכערן. מעגלעך, אז דאָס רויכערן איז א סובלימירן פון א געגאַרטער, א בענקענדיקער אינגלשאַפט. אלנפאלס, מ׳נעמט דעם קליינעם אָשר׳ן צום באַ־וואוסטן רוסישן פּעדאגאָג־פּסיכאָלאָג, דר. פּיגארעוו. דער דאָקטאָר זאָגט זיינע עלטערן שטרענג אָן, אז מען דאַרף אויף דעם קינד אביסל מער אויפפּאַסן. דאָס אינגל מוז דאָס רויכערן אומבאדינגט אויפגעבן, אויב ניט קאָן זיך, חס־וחלילה, אנטוויקלען קאָמפּליקאַ־ציעס, וואָס זאָלן ווערן שעדלעך. אויסהערנדיק די שטרענגע ווער־טער פון דאָקטאָר, וואַרפט אָשר אוועק דאָס רויכערן, און וואַרפט זיך מיט אייפערדיקן פאַטאָס צום שטודיום פון העכערער מאַטע־

מאטיק. עס וועקט זיך אין אים בכלל א דורשט נאָך אלגעמיינער וועלטלעכער קענטעניש.

ער הויבט אָן דורכנישטערן און דורכזוכברעווען זיין פאָטערס רייכע קאָלעקציע פון רעליגיעזע און מוסר־ספרים. ער נעמט זיך לערנען דיקדוק און אריינטויכן אין דער שפּאַניש־פילאָזאָפישער ליטעראַטור פון מיטלאַלטער און זייערע קאָמענטאַרן איבער מוסר־היהדות. נאַטירלעך איז זיין לערנען דעמאָלט געווען באַשרענקט, אָבער באַלד הויבט ער זיך אָן פאַראינטערעסירן אין דער פאַרבאָטע־נער ליטעראַטור. ער באַקענט זיך מיט די קלאַסיקער פון דער השׂ־כלה. די דאָזיקע לימודים שטעלן נאָך ניט צופרידן דעם זייער פּייאיקן און געראָטענעם בחור. די דאָזיקע סביבה ווערט אים ענג. ער פילט א דראַנג וואָס טליעט אין זיין יונגער נשמה, נאָך מער וויסן, מער קענטשאַפט. ער הויבט זיך אָן דערלערנען די רוסישע שפּראַך, דורך לייענען די שילדן פון די קראָמען אויף די גאַסן. ער באַקענט זיך מיט די רוסישע קריטיקער און סאָציאַל־דענקער, אי־בערהויפּט ווייזט ער ארויס א שוואַכקייט צום באַוואוסטן רוסישן דענקער און שריפטשטעלער, פּיסאַרעוו.

עס ווערט וועגן אים דערציילט, אַז כאָטש פיזיש איז ער געווען ניט זייער אַנטוויקלט, מאָגער אין קערפּער, א בלייכן פּנים, שרע־קעוודיק, ווייזט ער, אָבער, שוין ארויס זיין חריפות און בקיאות גאָר יונג. צו זיבעצן יאָר וועגדן זיך שוין צו אים פּראָמינענטע רבנים מיט פאַרשיידענע פראַגן וועגן רעליגיעזע ענינים און זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אויף זיינע טיפזיניקע און לאָגישע ענטפערס. כאָטש דאָ און דאָרט הויבט ער שוין אָן ווייזן קערנער פון א נע־גאַטיווער באַציאונג צו דער עקסטרעמער, פרום־פאַנאַטישער אָרטאָ־דאָקסיע, ווי עס דערציילט וועגן אים זיין אייגענער פאָטער: „איך וויים, אַז מיין זון זאָגט ארוים גערדאַנקען, וואָס זיינען אפשר קעגן אונזער הייליקער תורה. ער שניידט ווי מיט מעסערס. ער איז אָבער אַזוי קונציק, ווי א געניטער כירורג, בשעת אן אָפּעראַציע. ער באַנוצט זיך מיטן מעסער, אָבער מ'פילט ניט דעם וויטיק פון דעם שניט" . . . רעכנט מען זיך אָבער מיט זיין אויטאָריטעט אין

רעליגיעזע פראגן.

צו 17 יאָר פאַר׳קנס׳ט מען אים צו א מיידל, וואָס איז געווען אן אייניקל פון חסידישן חבי ר׳ יעקב ישראל פון טשערקאַס, א זון פון מאָטעלע טשערנאָבעלער. ווי עס איז צו זען, פירט מען אים ווייטער אריין אין דער גאָלדענער קייט פון דער חסידישער דינאַס־טיע. נאַטירלעך, האָט מען ביי אים וועגן אַזעלכע ענינים ניט אָנגע־פרעגט. אַזוי האָט מען זיינע אור־עלטערן חתונה געמאַכט, אַזוי זיינע עלטערן, און אויך אים דאַרף מען חתונה מאַכן אויף דעם זעלביקן פרומען, פאָלק־שטייגער. שדכנים האָבן געריסן די טירן פון ר ישעיה׳ן מכוח דעם געראָטענעם אינגל אָשר. דערצו נאָך א רייכן ברויערס א זון, איז וועגן וואָס דאַרף מען וואַרטן? מ׳דאַרף ברעכן טעלער און שרייבן תנאים. דאָס מיידל איז אויך ניט אבי־ווער. א ליטישע טאָכטער און דערצו מיט גרויסן יחוס. די על־טערן האָבן איינגעוויליקט און געשטעלט א חופה.

כאָטש אָשר איז געוואָרן א באַווייבטער און צו צוואַנציק יאָר איז ער שוין געווען א פאָטער פון א מיידעלע, האָט ער, אָבער, זיין שטודיום פאָרטגעזעצט, פאַרטיפט און דערהויבן. ער פאָרט דאַן קיין וויען, בערלין און ברעסלוי שטודירן. ער הערט זיך צו צו לעקציעס אין די דאָרטיקע אוניווערזיטעטן, אָבער קיין אוניווערזי־טעט האָט ער קיינמאָל ניט פאַרענדיקט. ער איז אן אויטאָדידאַקט. ער לערנט אליין אָן לערער, אָבער מיט סיסטעם און גרינטלעכקייט. ער לערנט זיך אליין שפּראַכן, ווי: דייטש, לאַטיין, ענגליש, רוסיש, פראַנצויזיש. ער באַקענט זיך מיט די קלאַסיקער פון דער ענגלישער ליטעראַטור אין אָריגינאַל, מיט אַזעלכע, ווי: לאָק, מיל, ספּענסער, באָקל, ראַסקין דאַרווין און אַנדערע.

דער אָנהויב פון זיין געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער טעטיקייט

אין 1884 פאָרט אחד־העם זיך באזעצן אין אָדעס, די שטאָט וואָס וויבלט און גריבלט מיט אידיש לעבן, אידיש וויסן. די ערשטע זאך מיט וועלכער ער באשעפטיקט זיך אין אָדעס, איז ווי אזוי מפרנס צו זיין זיין פאמיליע. ער מאכט א ריי געשעפטלעכע אונ־טערנעמונגען, אָבער ניט מיט קיין גרויסן דערפאָלג. עס איז גאנץ נאטירלעך, אז פאר אזא מענטש ווי אחד־העם איז געווען, זאל ער ניט האָבן קיין דערפאָלג אין געשעפטן. ער איז דורך און דורך געווען דער מענטש פון וואָרט, פון בוך. זיינע אמביציעס זיינען ניט געווען קיין געשעפטלעכע. ער האָט גאָר געטראכט און געלעבט אין אַן אַנדער וועלט, א העכערע וועלט. א וועלט פון גייסט און ניט וואו דאָס וואָכעדיקע, פראזאיש־מאטעריאַליסטישע דאָמינירט. מ'דערציילט, אז ער האָט זיין רייכקייט פארלוירן צוליב זיין אי־דעאַליזם. זיין פאָטער, ווי שוין דערציילט, איז געווען א רייכער ברויער. אזא באשעפטיקונג איז אָבער געווען קעגן די מאָראַלישע פרינציפן פון זיינע וועלט־אנשויאונגען.

אין אָדעס האָט ער, אָבער, געהאט אויסערגעוויינלעכע מעג־לעכקייטן צו פארפולקאָמענען זיין בילדונג און גלייכצייטיק זיך ווידמען צו געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. ער דערנעענטערט זיך צו די קרייזן פון דער „חובבי ציון", אונטער דער לייטונג פון פינסקער און לילענבלום. גאָר גיך פאַרנעמט ער אין דער דערמאָנטער אָר־גאניזאציע אַן אָנגעזעענעם אָרט, און שפעטער ווערט ער די צענטראלע פערזענלעכקייט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאציע. ער נעמט זיך האָן צו דער פעדער, קעגן זיין ווילן, ווי עס איז צו זען אין דער הקדמה פון זיין ערשטן באנד „אויפן שיידוועג". ער שרייבט דאָר־טען: „מיר איז גאָרניט איינגעפאלן זיך צו דערווערבן די שריפט־שטעלער קרוין, וועלכע איז געפלאָכטן פון דערנער, און אויב אי־מיצער וואָלט מיר געהאט פאָראויסגעזאָגט, אז איך וועל קומען דער־

צו, וואָלט איך אים געהאַלטן פאַר א פאַלשן נביא". אָבער זעענ־דיק ווי די אידעע, די אידעאַלן אין וועלכע ער גלויבט, ווערן ניט געפירט אויפן וועג פון ווירקלעכער רעאַליזירונג, קומט ער ארויס מיט זיין צעשמעטערנדיק־קריטישן אַרטיקל: „לא זה הדרך" (ניט דאָס איז דער וועג), אין דער העברייאישער צייטונג „המליץ", אין יאָר 1889. ער האָט מיט דעם אַרטיקל ניט געהאַט קיין שריפט־שטעלערישע פּרעטענזיעס. עס איז גיכער געווען אַן אויסדרוק פון „איינעם פון פאָלק". ער האָט בשעת מעשה געטראַכט, ער וועט פאַרעפנטלעכן דעם דאָזיקן אַרטיקל, אַנוואַרפן זיין געדאַנק און דאַן — דאַן זיך אומקערן צו זיין פּריוואַטער וועלט. אָבער דער אַרטיקל איז געווען שאַרף און געוואַגט, אַזוי אַז עס זאָל פאַרבייגיין אומבאַמערקט. עס האָט אַרויסגערופן די אויפמערקזאַמקייט פון יענע קרייזן, וועמען ער האָט שאַרף קריטיקירט. דער דאָזיקער אַר־טיקעל האָט אים באמת געשאַפן א סך שונאים, אָבער אויך פריינט.

אין יענער צייט גרינדעט ער אויך די אָרגאַניזאַציע „בני משה", אָדער בעסער געזאָגט, ער ווערט דער באַגרינדער, דער טעאָרעטי־שער אויסטייטשער פון דער אָרגאַניזאַציע. פאַקטיש זיינען די אמת'ע גרינדער פון „בני משה" געווען: יהושע אייזענשטאַט און א. לובאַרסקי. אחד־העם שטייט אין שפּיץ פון דער דאָזיקער אָר־גאַניזאַציע פאַר עטלעכע יאָר. אָבער דאָך, איז די דאָזיקע אָרגאַ־ניזאַציע דאָס גייסטיקע קינד פון אחד־העמ'ען, וואו ער וויל אריינ־פירן אין לעבן זיינע אידייען וועגן „חיבת ציון".

די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען אונטערגעוואָרפן א שטרענגער דיסציפּלין און זייער אַרבעט טראָגט א געהיימען כאַ־ראַקטער, וואָס רופט ארויס חשדים און אומצוטרוי צום באַגרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע. די מיטגלידער דאַרפן זיך אויך פירן אין גייסט פון טראַדיציע, באַזונדערס אין גייסט פון די אידישע נביאים, וועמענס אידייען אחד־העם האָט מאָדערניזירט און זיי אריינגעפירט אין זיין שיטה.

די אָרגאַניזאַציע האָט קוים דערלעבט ניין יאָר אַלט צו ווערן. מיט דעם רוף פון דר. ט. הערצל, וועגן דער גרינדונג פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1897, איז די אָרגאַניזאַציע „בני משה"

פונאנדערגעפאלן. אחד־העם׳ס אנהענגער און פארערער האבן אים פארלאזן און זיך אפגערופן אויף דעם רוף פון דר. טעאדאר הערצל. דא האט זיך ארויסגעוויזן די שוואכקייט פון אחד־העם׳ען אלס מאסן־פירער. כאטש אחד־העם האט בלי שום ספק, אויסגעאיבט א קאלאסאלן איינפלוס אין דער ציוניסטישער וועלט, איז זיין פירערשאפט, אבער, דאך געבליבן באגרענעצט. ער איז געווען און געבליבן דער אינטעלעקט, דער גייסטיקער פירער, וואס האט ניט גענוג השפעה אויף די ברייטע נאלק־מאסן. ער קאן ניט אנצינדן און ארויסרופן פאטאס פאר זיינע אידייען. זיכער האט עס אים זייער וויי געטאן. ער, מיט א ריינען היסטארישן באגאזש און מיט דער ריכטיקער היסטארישער פערספעקטיוו, ווערט ניט דער פאלקס־פירער, נאר דער אסימילירטער איד, פון דער פרעמדער סביבה, דער וויענער פעליעטאניסט, וואס ווערט געשטויסן צום אידנטום צוליב אנטיסעמיטישן אויפברויז און ניט צוליב היסטארישער טראדיציע און מיט דער אמת׳ער אינטערפרעטאציע פון דער אידישער קולטור נויט. זיכער באמערקן מיר אין אחד־העם׳ס קאמף מיטן פאליטישן ציוניזם, עלעמענטן פון פערזענלעכן כאראקטער, כאטש אין זיינע עפנטלעכע ארויסטריטן האט ער זיך באמיט ניט צו שאפן אזא איינדרוק.

ער האט געוואונען די סימפאטיעס פון דער רוסיש־אידישער אינטעליגענץ און א צאל אינטעלעקטועלע יחידים, האט ער זיך קיינמאל ניט דערהויבן צו דער הויך פון דר. הערצל אלס פאלקס־פירער. ער אליין האט געהאלטן, אז די „בני משה" איז געווען זיינער א ניט־געלונגענער עקספערימענט פון פירערשאפט.

אבער דאך האט די דאזיקע ארגאניזאציע פארדינסטן פאר דעם וואוקס פון דער נאציאנאלער באוועגונג. זי האט ארויסגעפירט אין דער עפנטלעכקייט פערזאנען, וואס האבן געשפילט א באדייטענדיק-קאלאסאלע ראליע אין דער פירערשאפט פון ציוניזם.

אין 1897 גרינדעט ער דעם בארימטן העברעיאישן זשורנאל „השלח", ארום וועלכן עס גרופירן זיך די באדייטנדיקסטע כוחות פון דער העברעיאישער ליטעראטור פון יענער עפאכע. אגב, דארף דער דאזיקער נאמען פון זשורנאל מיט זיך סימבאליזירן זיין ציונ־

גיסטישען אויספיר.

פאר פינף יאר רעדאקטירט ער דעם „השלח" און פירט דארט אן זיין פאלעמישן קאמף מיטן פאליטישן ציוניזם און זיינע פירער. ער שרייבט דארט אויך אן זיינע וויכטיקע עסייען וואס באגרינדן זיין שיטה פון „גייסטיקן ציוניזם".

אין יאר 1890־1 פארעפנטלעכט ער זיין סעריע פון קלענערע און גרעסערע ארבעטן אין די העברייאישע זאמלביכער „כורת" און „פרדס", וואס רוקן אים ארויס אין די פאדערשטע רייען פון דער העברייאישער ליטעראטור. ער ווייזט זיך ארויס אלס גלענצנדיקער פובליציסט־עסייאיסט, מיט א געוויסער ראפינירטקייט, וואס איז ביז דאן געווען פרעמד אין דער העברייאישער ליטעראטור.

די העברייאישע ליטעראטור האט שוין אין יענער צייט געהאט א רייכע וויסנשאפטלעך־פילאזאפישע ליטעראטור און אויך באדייטנדיקע פובליציסטן, אבער אחד־העם האט אריינגעבראכט דעם גייסט פון אייראפע און וועלטלעכע קולטורן. בעסער געזאגט, ער האט דאס מאדערנע פאראיידישט. אין זיינע ליטעראריש אר־בעטן האט זיך געפילט באגרינדטקייט און טיפקייט. ער האט ניט באלאנגט צו יענער קאטעגאריע, וואס זויגן פון פינגער, אדער פארלאזן זיך אויף דער געטלעכער אינטואיציע.

זיינע היסטאָרישע רייזעס און דער פּאַלעמישער שטורם

אין 1891 פאָרט אחד־העם צום ערשטן מאָל אין ארץ ישראל, אַלס שליח פון די „חובבי ציון". ער איז געפאָרן פול מיט ליבע און בענקשאַפט צום לאַנד פון די אבות, אָבער גלייכצייטיק איז ער אויך געפאָרן ווי אַן אויספאָרשער, וואָס איז מחויב צו זיין אָביעק־טיוו און דערציילן וועגן די זוניק־פרייליכע מאָמענטן, פּונקט ווי וועגן די שאָטנדיק־טרויעריקע. און צוריקקומענדיק פון ארץ־ישראל, פארעפנטלעכט ער באַלד זיין היסטאָריש־באַרימטן אַרטיקל: „אמת מארץ־ישראל". דאָס אַרטיקל רופט אַרויס היים בלוט און העפטיק־שאַרפע וכוחים אין די קרייזן פון די חובבי ציון. ער שרייבט אין זיין אַרטיקל דאָס פאָלגנדיקע: „איך בין געשטאַנען לעבן כותל מערבי, געקוקט אויף די וועלכע שטייען פאָרן וואַנט און דאַווענען מיט משונה'דיקע קולות. זייערע האַרע פּנים'ער, זייערע באַוועגונגען און זייערע משונה'דיקע קליידער זיינען געווען זייער צוגעפּאַסט צו דער אימה'דיקער וואַנט. איך קוק אויף זיי און אַ שרעקלעכער געדאַנק פאַלט מיר איין: די וואַנט איז דער עדות, אַז דאָס לאַנד איז חרוב און די משונה'דיקע מענטשן זיינען עדות, אַז דאָס פאָלק איז חרוב".

„אַ לאַנד קאָן אויפגעבויט ווערן, אָבער ווי קאָן מען אויפ־בויען אַ פאָלק? ווען איך וואָלט געהאַט דעם טאַלאַנט פון רבי יהודה הלוי, וואָלט איך ניט באַוויינט דאָס לאַנד, נאָר דאָס פאָלק. איך וואָלט ניט באַקלאָגט ציון, נאָר דאָס פאָלק ישראל" . . .

אין אַזאַ אימה'דיקן טאָן איז דער גאַנצער אַרטיקל אָנגעשריבן. ער שאַנעוועט ניט קיינעם. ער ווייזט אָן אויף אַלע איבלען און צרות, ווי די אָרגאַניזאַציע ווערט דורכגעפירט. עס ווייטיקט אים דאָס האַרץ און אַ טיפער טרויער ווייעט איבער זיין נשמה, צוקוקנ־דיק זיך ווי די נייאַריבערגעקומענע בויער פון אונזער צוקונפט, שטייען ווי די בעטלער, ווי שקלאַפן פאַר זייערע פילאַנטראָפּישע בעלי־בתים. ניין, ניט אַזוי דאַרפן האַנדלען און זיך אויפירן די

פּיאָנערן פון אונזער צוקונפט — שרייט ער אויס אין טיפן צאָרן.

אין גלות איז א שמחה, א פרייד ווען א בהמה קעלבט זיך, אָדער א נייע ציג ווערט געבוירן. מ׳רעדט מיט עקסטאז, מיט באַגייסטערונג וועגן יעדער קלייניקייט אין דעם לאַנד פון די אבות. יעדע נייע זאך מיינט פּראָגרעס, פּאָרטשריט. אחד־העם ברענגט אָבער אריין טרויער, צער אין די הערצער פון די גלויביקע. מ׳האַלט אים פאר א הבל־הבלים׳דיקן פּעסימיסט, וואָס האָט נאָר איין אויפגאבע אין לעבן: ארומגיין איבעראַל און אָנוואַרפן טרויער און שרעק. פון יעדער דערגרייכונג מאכן אש און שטויב. און זיין אופן פון זאָגן איז אזוי לאַגיש-שארף, אזוי רעאַליסטיש־איבערצייגנדיק, דערפאר איז די אנטריסטונג קעגן אים שארפער, ווייל זיין קלאַנגדיקער טאָן ברענגט אריין אומרו, אנטוישונג אין דער גאנצער ארבעט. ער גייט ארום און ווארפט אָן שרעק און טייטלט אויף יעדן: — „ניט דאָס איז דער וועג!״ . . . א צעמישעניש האָט ער אריינגעבראכט אין אונזערע רייען, האָבן זיך געהערט שטימען פון רעוואָלט.

אָבער דער „פּאַרניינער״ האָט געוואונען. ער האָט אין דעם קאמף געוואונען נייע אָנהענגער און מענטשן, וואָס האָבן אין אים אָנגעהויבן זען דעם גרויסן וויזיאָנער, דעם זוכער פון אמת. שרייבט טאקע דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער, חיים נחמן ביאַליק, אין איינעם פון זיינע לידער, וואָס איז געווידמעט אחד־העמ׳ען, צו זיין פופציקסטן געבוירן־טאָג:

אין ווען אונזער בליק האָט אין פינצטערן וואָלקן
פארשטעקט זיך,
און מיר, די פארצווייפלטע, האָבן געבלאָנדזשעט
אין גלויבן,
געשטאנען פארווירט אויפן שיידוועג: וואו גייט מען? . . .
געפרעגט זיך —
האָט אויפגעלויכט, לערער, דיין שטערן, געוואונקען פון
אויבן:
פון נעפּל ארויס, אונז גערופן, געצויגן, פארנומען —
און מיר זיינען אונטער דיין שטערן צוזאמען געקומען״...

נו, אויב מ'האָט אזעלכע באַגייסטערטע תלמידים ווי ביאַליק, קלויזנער, רופּין און חיים ווייצמאַן, דאַרף מען מיט זיך פערזאָ־ניפיצירן גרויסקייט, און אחד־העם האָט זיכער אין זיך געהאַט דעם שוואונג, די פליגלען פון אַ גרויסן וויזיאָנער, כאָטש ער איז ניט דערהויבן געוואָרן צו דער גרויסקייט פון אַ הערצל אָדער אַ נאָרדוי.

ער איז זיכער ניט געווען דער הבל הבלים'דיקער פּעסימיסט, ווי אייניקע האָבן געגלויבט. ער איז געווען אַ „לערער", וואָס האָט ניט נאָר אָנגעוויזן אויף בלויזן און געטייטלט מיטן פינגער אין זיין מעפיסטאָפעלישער פּאָזע: „ניט דאָס איז דער וועג!" .. . נאָר ער האָט אויך די „בלאָנדזשענדיקע" אַ נייעם וועג געגעבן, אַ נייע נשמה אריינגעבלאָזן אין די אַטראָפירטע ביינער . . .

זיין „פּעסימיזם" איז געווען אַ געזונטער, אַ קאָנסטרוקטיווער, ניט אין דעם גייסט פון דעם גערמאַניש־אַרישן ניטשע, ווייל ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אייפערדיקער ליבע צום אמת, אין דעם גייסט פון דער נביאים־מוֹראַל.

אויף אים קאָן מען זיכער זאָגן אין די ווערטער פון אלטן גריכישן פילאָזאָף: „ביסט, מיין פריינט, מיר זייער ליב, אָבער דער אמת וואָס טליעט אין מיין נשמה איז מיר ליבער ווי דו, מיין פריינט" . . . יאָ, ס'האָט אים מן־הסתם אַ סך עגמת־נפש פאַרשאַפט, דאָס וואָרפן זיינע שאַרפע פיילן אין זיינע פריערדיקע פריינט און חברים, אָבער דער אמת, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט, האָט אין אים גובר געווען. חניפה, גיין מיטן שטראָם, ווייל ס'איז לייכטער און באַקוועמער, — איז געווען דער היפּוך פון זיין כאַראַקטער. ער זאָגט דאָס אַזוי טרעפלעך אין זיין עסיי, „אַ האַלבע טרייסט", וועגן יענע וואָס זיינען געגויגט זיך אונטערצוואַרפן דער מיינונג פון כלל, מעג דער כלל זיין אומגערעכט, ווי אין דעם עלילות־דם בלבול קעגן אונז. אַ איד און בלוט! צי קאָן מען געפינען צוויי זאַכן וואָס זאָלן זיין אַזאַ שרייענדיקער ווידערשפּרוך? און דאָך . . . זיי הערן די קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגטע מיינונג פון דער „הסכמה כללית", אינאיינעם מיט דעם זעען זיי ווידער, אַז פיל פון אונז זיינען טאַקע ווירקלעך, פּונקט ווי די „הסכמה כללית" זאָגט אויף

אונז — איז דאָס שוין גענוג פאַר זיי, אַז זיי זאָלן שוין געבן זייער הסכמה דערויף . . . „עס איז נאָך ניטאָ אַזא געפערלעכע זאַך פאַר אַ פאָלק, אָדער פאַר אַ יחיד, ווי מודה זיין זיך אויף חטאים, וועלכע ס׳געפינען זיך אין אים ניט״ . . .

ניין, ער איז בשום אופן ניט געווען קיין פעסימיסט, כאָטש אַנדערע ווילן עס אים דוקא צושרייבן צו זיין נאַטור. ער איז געווען סקעפטיש, ווייל ער איז געווען באַזעלט פון אַ העכערן גלויבן, אַ גלויבן פון פאָלקס־באַפרייאונג.

אחד־העמ׳ס ציוניסטישער אני־מאמין

נאָך איידער ס׳איז פארופן געוואָרן דער ערשטער ציוניסטי־שער קאָנגרעס פון דר. טעאָדאָר הערצל, האָט שוין אחד־העם אָנ־געהויבן בויען זיין בנין פון „קולטורעלן ציוניזם״. דער געדאַנ־קען־ארכיטעקט, האָט שוין געהאט אָנגעוואָרפן זיינע בוי־ליניעס, ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן ארויסשיילן פון דער נאָך ניט פארטי־קער קאָנסטרוקציע — דער בנין פון זיין אידיש־נאציאָנאַלער גע־דאַנקען־וועלט.

מ׳האָט פון די אָנגעוואָרפענע ליניעס און קרייזן, געקאָנט באַ־מערקען, אז ער וואָרצלט טיף אין היסטאָרישער טראַדיציע, ער זוכט צונויפגיסן דעם נעכטן מיט דעם היינט און דעם וויט־ווייטן מאָרגן.

די גייסטיקע בריקן, וואָס האָבן אידן צונויפגעבונדן אלס זעלבסטשטענדיק פאָלק, הויבן אָן קראַכן און פונאַנדערפאַלן. ס׳איז פאַראַן די געפאַר פון פארליורן די פאָלק־אידענטיטעט. ס׳מערקן זיך אין אידישן לעבן סימנים פון אַנאַרכיע, פון דעסטרוקציע. עס הויבן זיך אָן אויסשיילן באַזונדערע שבטים, סעקטעס מיט באַזונ־דערע מענטאַליטעטן. ס׳איז פאַראַן די געפאַר פון דעצענטראַלי־זאַציע, פון פארפרעמדן זיך. ס׳איז א נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו די דאָזיקע טיילן צעמענטירן, צונויפגיסן אין איין מאָניסטישער גאַנצקייט. די לאַגע ווי זי איז, איז פאַטאַל פאַרן פאָלקס קיום. די מאַטעריעלע נויטן זיינען געוויס וויכטיקע אַטריבוטן אין דער עק־זיסטענץ פון א פאָלק, אָבער וויכטיקער פון זיי זיינען די גייסטיקע אַטריבוטן, וואָס זיינען, אייגנטלעך, די פונדאַמענטאַלע זיילן וואָס זיינען דער סינאָנים: פאַר פאָלק־קאָלעקטיוו.

הערצל האָט, אייגנטלעך, שטאַרקער אקצענטירט אויף דער פיזיש־מאַטעריעלער לאַגע פון די אידן. ער האָט געזען דעם אַנטי־סעמיטישן מאָנסטער, וואָס צעפרעסט און צעפּוילט דעם אידישן אָרגאַניזם. די אידן־פראַגע האָט אין זיך זיכער, סיי סאָציאַלע, און

סיי רעליגיעז־ספּירוטועלע מאָמענטן, אָבער פריער פאַר אלץ האָבן מיר דאָ פאַר זיך: א נאַציאָנאַל פּראָבלעם, וואָס מוז געלייזט ווערן דורך א פּאָליטישן מעדיום. אידן זיינען איבעראַל פרעמדע און דערפאַר די ברוטאַלע אויסראָטונג קעגן אונז. מיר האָבן פּרובירט זיך איינגלידערן אין די געדערים פון אן אַנדער פאָלק, אָבער מען לאָזט אונז ניט צורו. דער דיאַגנאָז איז דער אנטיסעמיטיזם און די ראַסן־העצערישע באַציאונג צו אונז, ווייל מיר זיינען א קליינע מינדערהייט איבעראַל. דערפאַר איז דער פּראָגנאָז: אן אייגן לאַנד, וואו מיר זאָלן קאָנען בילדן אונזער אייגן נאַציאָנאַל־זעלבסטשטענדיק לעבן.

אחד־העם, וועלכער קומט פון די אינעווייניקסטע ספערן פון אידנטום, וועלכער קאָן אויסגעצייכנט דעם גאַנצן אידישן מאַרטירעלאָג, קוקט אויף דעם אידן־פּראָבלעם פון א גאַנץ אנדערן היסטאָרישן פּערספּעקטיוו. ער זעט אין די אַלע ברוטאַלע „רשעים'דיקע" מעשים תהתועים, א היסטאָרישע קאָנטינואיטעט פון אידישן מארטירעלאָג. די דאָזיקע פיזישע ענויים, האָבן אידן נישט אָפּגעשוואַכט אַלס א באַזונדער פאָלק.

„א לאַנד ווען ס'ווערט חרוב, קומען אזעלכע דערלייזער ווי עזרא און נחמיה און בויען עס צוריק אויף, אָבער ווען א פאָלק ווערט חרוב — ווער קאָן עס אויפבויען?" זאָגט אחד־העם. דאָ זעט איר פאַר זיך אן אַלטע סימבאָלישע פּערזענלעכקייט פון דער ווייט־ווייטער אידישער פאַרגאַנגענהייט. דאָס אומברענגען אידן פיזיש איז געוויס א צער איבערצוטראָגן, אָבער די באַצילן פון דרויסנדיקע איינפלוסן, וואָס זוכן דעם אידנ'ס גייסטיקע אויסראָטונג, איז לויט זיין מיינונג, שעדלעכער און א גרעסערע וואונד אין דעם אידישן לעבן. א גוף איז געוויס א וויכטיקער עלעמענט אין דער עקזיסטענץ פון אן אינדיווידועלן לעבן. אָבער וואָס פאַרא ווערט האָט א גוף אָ א נשמה? . . .

אָבער דאָך איז אחד־העם ניט מבטל דעם גוף פון פאָלק. ער ווייס אויסגעצייכנט, אז דאָס אידישע פאָלק וועט אין א פרעמדן גוף ניט קאָנען געדייען ווי געהעריק. דערפאַר זאָגט ער אין איינעם פון זיינע פּראָגראַמאַטישע אַרטיקלען: „דער גאַנצער ציל פון

דער ארבעט איז נאָר דער פּאָלגנדיקער: צונויפזאַמלען אין ארץ־ישראל א באשטימטן טייל פון פאָלק, און דער דאָזיקער טייל, וועט ער וועט דאָרטן דערגרייכן מיט דער צייט א נאטירלעך און פריי לעבן, וועט ווערן דער צענטער פון אונזער אלגעמיינעם נאציאָנאלן לעבן און וועט גלייכצייטיק משפיע זיין גייסטיק אויף אלע איבערי־קע טיילן פון פאָלק, וואָס וועלן בלייבן אין די פרעמדע לענדער, און וועט זיי רייניקן פון שמוץ, פון דער אינערוויינקסטער קנעכט־שאַפט און וועט צוזאמענשליסן זיי אלעמען צו איין נאציאָנאלן קערפּער מיט איין איינהייטלעכן גייסט".

ער זוכט טאקע שאפן דעם סינטעז פון אידן און אידישקייט, פון אידיש פאָלק און אידיש לאַנד. אָבער דאָך שטעלט ער העכער די גייסטיקע ווערטן, ווי די מאטעריעלע. ער שרייבט: „דאָס האָט דער פאָלקס־אָרגאניזם געשאפן דאָס אידנטום און עס באַזעלט. די דאָזיקע אידישקייט איז דאָס דערנאָך געווען דער דראנג צו אנטוויקלונג, דער באַטריב צו זעלבסטדערהאלטונג אין דער שווערער און שווידערלעכער געשיכטלעכער מארטיריאָלאָגיע. די דאָזיקע קראפט, וואָס איז אין דעם אידנטום איבערגעפלאנצט געוואָרען באוואוסטזיניק אָדער ניט באוואוסטזיניק פון דור צו דור".

ער גלויבט, אז פון ארץ־ישראל דארף קומען די גייסטיקע אידישע ישועה, ווייל דאָס ווינקעלע פון אונזער היינטיקער ציוויליזאַציע וואָרצלט דאָך אין דעם דאָזיקן קליינעם מלוכה׳לע, וואו די אידישע שכונה האָט געוווינט. ער זאָגט דאָס אזוי קלאסיש: „א גרויסער נאציאָנאלער אידעאל קאָן ניט געבוירן ווערן אין גלות . . . עס פאָדערט זיך פרייהייט פארן פאָלקס־גייסט, א פרייע באוועגונג אין דער היסטאָרישער אטמאָספערע" . . . און דאָך זיצט ער ביים ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואו הערצל לייגט פאָר זיין גראַנדיעזן ווערק פון פּאָליטיש־נאציאָנאלער באפרייאונג אין די היסטאָרישע גרעניצן פון ארץ־ישראל, קאלט, און וואו די ווערטער פון גרויסן נאציאָנאלן וויזיאָנער, זאָלן פאלן אויף טויבע אויערן. ער ווערט ניט מיטגעריסן אין באַגייסטערונג פאר די ווערטער, וואָס ווערן דעם ערשטן מאָל ארויסגעבראכט אויף אן אינטערנאציאָנאלן מאסשטאב. ער שרייבט אין איינעם פון די ארטיקלען וועגן ערשטן ציוניסטישן

קאָנגרעס: „אז ער איז דאָרט געזעסן ווי אן אבל צווישן חתנים" . . . ער האָט פארשטאנען דעם היסטאָרישן באַדייט פון ארץ-ישראל פאר דעם אידישן פאָלק, אָבער, אז ארץ־ישראל זאָל דינען ווי די ענדגילטיקע לייזונג פאר דעם אידנטום, אין דעם איז ער ניט געווען זיכער, און דערפאר זיין סקעפּטישע באציאונג צום לייטער פון פּאָליטישן ציוניזם. אין איינעם פון זיינע גייסטרייכע און טיפּזיניקע עסייען, וועגן „קיבוץ גליות", מאָטיווירט ער זיין שטאַנדפונקט בנוגע ארץ־ישראל, אלס ענדגילטיקע לייזונג צו דער אידן־פראגע. ער שרייבט דאָרטן: „מיר דארפן זיך מודה זיין, אז קיבוץ גליות איז א זאך, וואָס איז למעלה מן הטבע. בדרך הטבע קאָן גאָר זיין אז אין דער ווייטער צוקונפט וועלן מיר גרינדן א אידישע מדינה, ס'איז מעגלעך אז אידן וועלן זיך דאָרטן מערן און שטאַרקן, ביז דאָס גאנצע לאנד וועט דורך זיי פול ווערן, אָבער, אויך דעמאָלט וועט דער רוב פון אידישן פאָלק בלייבן צעזייט און צעשפּרייט אין דער פרעמד און צונויפקלייבן אונזערע פארשטויסענע פון ארבה פינות העולם איז אומעגלעך. דאָס קאָן צוזאָגן די רעליגיע דורך מעשי ניסים".

ווען לילענבלום און אנדערע זיינען ארויסגעקומען מיט שאַרפע פּאָלעמישע אָנגריפן קעגן דעם באַגרינדער פון „גייסטיקן ציוניזם", קומט ער ארויס מיט זיין שארפזיניקן ארטיקל, „וועגן דער אידישער מלוכה און דאָס אידישע פּראָבלעם". ער ווייזט דאָרטן אָן אז זיינע קעגנער האָבן א טייל פון זיין געדאנקען־גאנג היפּש פארקריפּלט, מ'האָט פארדרייט זיינע אמת'ע מאָטיוון. ער איז ניט קיין קעגנער פון דעם מלוכה־געדאנק. „אָבער ערשטנס דארף דער דור ראוי זיין צו דעם. מ'דארף זיך ניט פארנעמען בלויז מיטן לאנד, נאָר אויך מיטן פאָלק . . . אונזער לייזונג דארף קומען דורך דער נביאים־מאָראל און ניט דורך דיפּלאָמאטן . . . וואָס פאר א באטרעף וועלן מיר האָבן אין פּאָליטישן זין, ווען מיר וועלן ארומגעוואָרפן ווערן ווי א פּילקע צווישן שטאַרקערע שכנים . . . קאָנען מיר דען באזירן אונזער ווייטערדיקע פרעזערוואציע דורך קונציקע דיפּלאָמאטישע קאָמבינאציעס? . . . געוויס וועט אמאָל

קומען א פּאַסנדיקע געלעגנהייט, ווען מיר וועלן אין ארץ ישראל פּראָדוצירן די פּאַסנדיקע מענטשן פאר דער עטאַבלירונג פון א אידישער זעלבסטשטענדיקער מלוכה מיט אלע פונקציאָנירנדיקע אינסטיטוציעס. עס וועט געוויס זיין א „אידן־שטאַט" און ניט בלויז א שטאַט פון אידן" . . . אָבער דערווייל זאָגט אחד־העם: „ . . . איז די עטאַבלירונג פון גייסטיקן צענטער אין א"י וואָס זאָל צונויפהאלטן די פּאַרשיידענע צענטערן אין גלות, דורך אריינשפּריצן אין זיי נייע לעבן, וואָס זאָל זיי פּרעזערווירן אלס פאָלק־קאָלעקטיוו" די צייטווייליקע לייזונג. אחד־העם ווייזט אָן דעם פאָטער פון פּאָליטישן ציוניזם, אז אין זיין ווערק „אלט־ניילאנד", וואָס דארף מיט זיך פּערזאָניפיצירן די אידישע צוקונפט, פעלט דער הויפּט־מאָטיוו פון אידישן נאַציאָנאליזם.

עס ווערט אין דעם ווערק געשילדערט א אידישער שטאַט אָן אידישער קולטור. דער שטאַט וועלכן הערצל שילדערט, טראָגט גיכער א קאָסמאָפּאָליטישן כאַראַקטער. ער איז געבויט לויט דעם מוסטער פון דער שווייץ, וואָס קאָן זיך זיין גוט פאַר זיי, אָבער ניט פאַר אונז. עס ווערט דאָרטן גערעדט אויף אלע שפּראַכן, אפילו צווישן אידן הערשט ניט קיין איינהייטלעכע שפּראַך.

נאָרדוי טרעט שאַרף ארויס קעגן דעם אָנגריף פון אחד־העמ'ען אויף הערצלען. ער האָט דעמאָלט געשליידערט זיין באַרימטן, היסטאָרישן פּאַראַדאָקס, אז „הונדערט יאָר פון קולטור, קאָן ניט פארגליכן ווערן צו צען יאָר אגריקולטורעלער באַארבעטונג פון אייגענעם באָדן". דאָ ווייזט נאָרדוי ארויס א טיפערע פארשטענדעניש פאַר דעם אידן־פּראָבלעם, ווי אחד־העם. ער פאַרשטייט די פּסיכיק פון גלות־אידן, וואָס איז הונגעריק געוואָרן נאָך אייגענער ערד, פיל רעאַליסטישער ווי אחד־העם. ער ווייס אז מ'קאָן דעם הונגעריקן איד, וואָס ווערט ביאָלאָגיש פאַרניכטעט ניט קאָמפּענסירען מיט קולטור־ווערטן. געוויס איז קולטור וויכטיק — אָבער אונטער נאָרמאלע אומשטענדן. ער זאָגט עס אליין אזוי קלאַסיש אין איינעם פון זיינע שריפטן: „מיר קומען אין ארץ־ישראל ניט אלס פּרימיטיווע אזיאַטן — אפשר אין אנטראָפּאָלאָגישן זין יאָ — אָבער מיר קומען אין ארץ־ישראל אלס טרעגער פון קולטור און רוקן

די גרעניצן פון אייראפע ביז צום טייך פרס" . . . ער רעדט אין אן אנדער ארט וועגן דער ספעציפיש אידישער קולטור: ער זאגט דארטן: „ . . . מיר האבן ניט אין זין זיך אפצוזאגן אפילו אויף א האר פון דער קולטור, וועלכע מיר האבן זיך דערווארבן אין משך פון טויזנטער יארן" . . . אויך הערצל האט די זעלביקע נייגונג ווי נארדוי, ער קומט טאקע פון פרעמדע, אסימילירטע ספערן, אבער וואס נעענטער זיין צובונד ווערט צום אידישן פאלק, אלץ א טיפערן רעספעקט ווייזט ער ארויס צו דער אידישער פארגאנגענהייט. ער זאגט: „דער ציוניזם מיינט צוריקקערן זיך צום אידנטום און צום אידישן לאנד . . . דאס איז בלי ספק דער א"ב פון פאליטישן ציוניזם" . . .

אבער דאך בלייבט אחד־העם סקעפטיש צו די אידעאלאגן פון פאליטישן ציוניזם. אבער אין זיין קאמף קעגן פאליטישן ציוניזם, איז ער זייער אפגעהיט ניט אריינצוברענגען דעם פערזענלעכן מאמענט. הערצל, דער קעגנער פון זיין טעזיס, ווערט קוים אנגעגריפן אין זיינע פאלעמישע ארטיקלען קעגן פאליטישן ציוניזם. ער קעמפט קעגן א שיטה און ניט קעגן א פערזענלעכקייט, וואס האט די שיטה געבראכט צום לעבן.

עס איז מערקווירדיק, וואס צווישן די נעקראלאגן אויף דעם פריצייטיקן טויט פון דר. הערצל, ווערט אחד־העם'ס אפשאצונג, באטראכט צווישן די אויסגעצייכנטסטע אפשאצונגען פון דעם פאליטישן פירער. מיר וועלן דא ברענגען עטלעכע כאראקטעריסטישע שטעלן פון דער דאזיקער אפשאצונג, וואס לייענען זיך ווי א לירישער אויסגוס פון א שיין מעשה'לע וועגן א גרויסן העלד, וואס מען האלט הייליק און מ'פארגעטערט. אזוי האט געפילט אחד-העם, דער שארפסטער קעגנער, וועגן הערצלען.

„ . . . איין זאך באטראכטן מיר העכער פון אלע חשדים: צוזאמענרופן אין א קורצער צייט אזא ריזיקע באוועגונג, אפילו ווען זי איז ניט גענוג פארטיפט, מער אין איר קלאנג, קאן נאר באלאנגען צו א מענטש, וואס טראגט אין זיך דעם פונק פון א וואונדער־מענטש. ער באלאנגט, אן ספק, צו דער גאלעריע פון פערזענלעכקייטן, וואס זיינען זעלטנהייטן ביי אלע פעלקער, זיי, וואס דורך זייער שטארקער האנט, זיינען בכוח

אָנצייכענען אַ נייעם היסטאָרישן וועג . . .

נאָר די היפּנאָטישע ווירקונג פון אזא וואונדער־מענטש, האָט געקאָנט אָנצינדן און איינפּלאַנצן גלויבן צווישן די ברייטע פאָלק־מאסן, און ארויסהויבן דעם ציוניזם פון שמאָלן ראם, אין וועלכן ער איז פריער געווען פארשלאָסן, איידער דער דאָזיקער מענטש האָט זיך באַוויזן, צו א גרויסער מאסן־באַוועגונג . . .

וואָלט עס ניט געווען דער דאָזיקער גלויבן וואָס דערפילט בחוש אין דעם ציוניזם דעם סוף פון גלות און די לייזונג פון אידן־פּראָבלעם אין אלע זיינע פאזן, וואָלט נאָר דער ציוניזם געבליבן אן עטישע אידייע, — א אידייע, פון אָפּפרישן דאָס הארץ פון אונזער פאָלק און זיי פאראייניקן אין גייסט, דורך דער עטאבלירונג פון א נאציאָנאלן צענטער . . . אָבער עס וואָלט דאָך אומעגלעך געווען פאר אזא באוועגונג צו נעמען א ברייטן שליאך אין אזא שנעלן מארשרוט, דורך די ברייטע פאָלק־מאסן, ווייל אזא אידייע — פאָדערט א ספּעציפישע אויסברייטערונג, אן עוואָלוציע פון אינטעליגענץ. א זאך וואָס קאָן ניט פּאסירן צווישן די ברייטע פאָלק־מאסן . . .

די טעג וועלן פארגיין און דער אידעאלער טיפּ פון אונזער נאציאָנאלן העלד וועט זיך אויסוועבן צו פּערפעקציע. און דאַן, וועט דער דאָזיקער העלד ווערן פאר אונזער פאָלק און פאר די קומענדיקע דורות דאָס, וואָס אונזערע נאציאָנאלע העלדן אין דער פארגאנגענהייט זיינען געווען פאר אונזערע פריערדיקע דורות . . . ארום אים וועט דאָס פאָלק קאָנצענטרירן זיין נאציאָנאלן אידעאל אין זיין פולן פּראכט און גלאַנץ — און דורך אים וועלן זיי אינספּירירט ווערן פאר ווייטערדיקן קאמף און אויסדויער, צו גיין אויף דעם לאנג־לאנגן שליאך, וואָס פירט אין דער ניט אויסגעמאָסטענער צוקונפט אריין . . .

הערצל האָט אונז געגעבן דאָס טייערסטע פון זיין פארמעגן — זיך אליין, אלס דעם באנער־טרעגער פון ווידערגעבורט; א טרעגער פון וועלכן אונזער פאנטאזיע ווערט אָנגערעגט. מיר וועלן אים קרוינען מיט די העכסטע אויסצייכענונגען, אזוי אז

ער זאָל קאָנען פון אונז פאַרוואַנדלט ווערן אַלס דער אידיש־נאַציאָנאַלער העלד, אין וועמען אונזערע נאַציאָנאַלע אַספּי־ראַציעס זאָלן פּערזאָניפיצירט ווערן אין זייער פּערפעקטער פאָרם"...

פּראַפּעטיש זיינען געווען די דאָזיקע ווערטער פון אחד־העם'ען. די דאָזיקע לעגענדע וועגן הערצלען האָט זיך שוין אָנגעהויבן וועבן צווישן די ברייטע פאָלקסמאַסן. אין מאָמענטן פון נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, ווען אונזערע הערצער ווערן איבערפילט מיט צער און טרויער — קוקן מיר ארויף צו דער דאָזיקער מאַגנעטישער פּער־זענלעכקייט און זוכן טרייסט און מוט פאַר אונזער ווייטערדיקן קאַמף...

מיר זיינען זיכער, אַז וואָלט אחד־העם היינט געלעבט און זיך געפונען צווישן אונז, וואָלט ער זיכער רעווידירט און איבערגעקוקט א טייל פון זיין ציוניסטישן קריטעריום. ער האָט אפילו דעם רעווי־זיע־פּראָצעס אָנגעהויבן אין זיין טיפן עלטער. ער האָט אויך גע־וויסע פאַרדינסטן אין פאָרמולירן אונזערע פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס נאָך דעם לעצטן וועלט־קריג.

אזוי איז שוין דאָס לעבן. עס גייט זיג־זאַגיש און מיט זיין אייגענער לאָגיק, וואָס איז אָפטמאָל אין טיפן ווידערשפּרוך צו די לאָגישע מוח־ספרות און געדאַנקען־בינונים... ער, דער באַקעמ־פער פון פּאָליטישן ציוניזם, האָט אין זיין גרייז־גרויען עלטער גע־נאָסן די פרוכט, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אַלס רעזולטאַט פון אונזערע פּאָליטישע געווינסן אין דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. ער איז אפילו געקרוינט געוואָרן אַלס „ערן־בירגער" פון דער אידישער תל־אביב און די גאַס אויף וועלכער ער האָט געוואוינט, האָט געטראָגן זיין נאָמען, און איז געווען ארומגערינגלט מיט א סביבה פון ליבשאַפט און טיפן דרך ארץ פון קליין און גרויס... אין ליכט פון דער היינטיקער נאַציאָנאַלער קאַטאַס־טראָפע פון אונזער פאָלק, וואָלט ער זיכער רעווידירט דעם טייל, וואָס האָט א שייכות צו דער צוקונפט אין גלות. א סך פון זיינע תלמידים קלאַמערן זיך נאָך אין זיינע אביסל־אָפּגעבליאַקעוועטע אידייען. זיי האָבן ניט גענוג מוט און קוראַזש און זיינען ניט גע-

נוג ווייט־זעעוודיק. אָבער ער, אחד־העם, וואָלט זיכער געמאכט א טיפן שניט אין דעם טייל פון זיינע אידייען, וואָס נעגירן די פּאָליטיק, אלס וויכטיקן צווייג פון נאציאָנאלן ווידערגעבורט, ווייל דאָס וואָלט געפאָדערט דער אמת, פאר וועלכן ער האָט א לעבן לאנג געפירט אן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאמף . . .

היינט, ווען דאָס אידנטום איז אויסגעזעצט צו פירן א קאמף מיט דער סאדיסטיש־פּאטאָלאָגישער תורה פון היטלעריזם און זיינע שווארצע מחבלים, וואָס בייטשן זיך אריין אין אונזער פלייש, וואָס שפּרייטן טויט און פיזישע פארניכטונג צו גאָר גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק אין מערב און צענטראל אייראָפּע, — און ווען מי־ליאָנען ברידער פון אונזער פאָלק, גייען דורך דעם רויטן שמד־פּראָ־צעס פון סטאליניסטישן קאָמוניזם אין מזרח־אייראָפּע, איצט קאָן מען ניט טראכטן אָביעקטיוו און אריפמעטיש וועגן דער צוקונפט פון גלות. אפילו אין די דעמאָקראטישע לענדער, אריינגערעכנט אונזער פרייע אמעריקע, געפינט זיך דאָס אידנטום ניט אין אזא פּויגלדיקער מערכה. אלע דאמבעס פון איזאָלאציע, פון די אי־דעאליסטן פון אלע ריכטונגען, האָבן א קנאַפּן ממשות'דיקן ווערט. זיי קאָנען ניט פארהיטן, אז דאָס רוב פון אונזער יוגנט — וואָס שטעלט דאָך מיט זיך פאָר דאָס צוקונפטיקע אידנטום — זאָל ניט איינגעשלונגען ווערן מיט אזא שנעלן טעמפּאָ, אין דעם „שמעלץ־טאָפּ" פון אסימילאציע און נאציאָנאל־גייסטיקן באנקראָט. יאָ, מיר לעבן אין א צייט „ווען אונזערע קינדער לויפן אין פרעמדע ווייגערטנער", טראָגט דער גיפטיקער פיינטשאפט צו אונז . . .

דער איינציקער ליכטיקער פונקט היינט־צו־טאָג אין אידישן לעבן, איז דער האלב־מיליאָניקער אידישער ישוב אין ארץ ישראל, וואָס קריסטאליזירט זיך אויס צו א באזונדער נאציאָנאל־זעלבסט־שטענדיק לעבן, אין דעם גייסט ווי אחד־העם אליין וואָלט געוואָלט עס זאָל רעאליזירט ווערן . . .

געוויס איז דער דאָזיקער אנאליז פון אונזער גלות־לעבן אביסל צו טונקל. מ'קאָן דאָך נאָך ניט אונטערפירן דעם לעצטן סך־הכל פון אונזער געשיכטע. מיר שליסן זיכער נאָך ניט אונזער לעצט קאפּיטל אין דער געשיכטע פון אונזער גלות־לעבן. געוויס,

געווים וועט נאך קומען א ליכטיקערע, א האפעדיקע צייט פאר דער מענטשהייט, און בתוכם פאר אונזער פאלק . . . אבער ביז יענע גליקלעכע צייט וועט קומען, קאן דאך דערווייל ווארטנדיק — „פאר דער נחמה ארויס די נשמה„ . . .

דערפאר דוכט זיך אונז, אז אתדרהעם וואלט אין אנגעזיכט פון אונזער היינטיקן היסטארישן פערספעקטיוו, געשאפן דעם סינ-טעז פון פאליטישן און גייסטיקן ציוניזם.

„א פארברענטע נשמה אין א לעבעדיקן גוף" . . .

אחד־העם איז געווען אן איבערגעגעבענער תלמיד פון דער אידישער און וועלט־געשיכטע. ער האט מיט א באזונדער שארף אויג נאכגעפאלגט אלע פראצעסן, וואס שפיגלען זיך אפ אין העם קינא־פאטאגראפישן לויף פון דער געשיכטע. זייערע עליות, זייערע ירידות, זייערע איינפלוסן און זייער באאיינפלוסט ווערן. דער דאזיקער געשיכטלעכער פראצעס האט זיך באזונדערס גוט רעגיסטרירט אין די מארך־צעלן פון זיין ארגאניזם — און די אויספירן פון דעם האזיקן עוואלוציע־פראצעס, האט ער שפעטער איינגעשפאנט אין דינסט פון זיין אייגענעם וועלט־באנעם.

ווי א תלמיד פון דער געשיכטע, האט ער צו גוט געוואוסט, אז דאס אימיטירן, די מאלפעריי, איז א קאלאסאלער עלעמענט אין דער אויספארמירונג פון יחיד, פונקט ווי פון פאלק־קאלעקטיוו. די איינגעשאפט פון קאפירן איז אפשר דער פונדאמענטאלער פוס, אויף וועלכן ס'שפארט זיך אן אונזער גאנצע קולטור־ציוויליזאציע. א קליין קינד, באלד נאכן געבורט, נעמט איבער פון אנדערע, פלאפלט נאך וואס אנדערע זאגן . . . א פאלק האט אויך זיינע העלדן-עקזעמפליארן, וואס דינען פאר מוסטערן פאר צוקונפטיקע דורות, וואס נעמט איבער זייערע ירושות און באזונדערע כאראקטער־איינגעשאפטן, וואס ווערן אריינגעוועבט אין דער קולטור פון פאלק־קאלעקטיוו.

„ . . . ווען די מענטשן וואלטן ניט האבן די טבע נאכצושלעפן זיך איינער דעם אנדערן, נאר יעדער וואלט זיך געטראכט זיינע מחשבות און וואלט נאר אויסגעפאלגט דאס דיקטירן פון זיין אינערלעכער וועלט . . . צי וואלטן אזעלכע מענטשן געקאנט צוקומען צו די אלע געזעלשאפטלעכע דערגרייכונגען, צו די פעסטע געזעצן און מנהגים, צו געמיינזאמע רעליגיעזע און מאראל-עטישע באגריפן?" . . . שרייבט אחד־העם אין זיין מייסטערהאפטער עסיי,

„נאַכאַמונג און אַסימילאַציע". איז אויב די דאָזיקע טבע פון אי־מיטאַציע, פון נאָכמאַכונג, העלפט אין דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, פון אויסברייטערונג, ווייזט אָבער אחד־העם אָן אויף א צווייטער זייט פון דעם דאָזיקן געזעלשאַפטלעכן „ויתרוצצו", וואָס איז ביז גאָר שעדלעך פאַר דעם זעלבסטשטענדיקן, אייגנאַרטיקן לעבן פון יחיד און פון קאָלעקטיוו. אויב צוויי באַלאַנסירטדיקע פעלקער־שכנים אימיטירן איינער דעם אַנדערן, איז עס אפשר א געווינס פאַר דער גייסטיקער און פיזישער אויספאָרמירונג פון אייגענעם פאָלק און פון דער אַלגעמיינער וועלט־קולטור. אָבער, ווי אחד־העם זאָגט: „. . . אַנדערש איז אָבער, ווען איינע פון זיי איז קלענער און שוואַכער" . . . דאַן וועט דאָס שטאַרקע פאָלק שטענ־דיק פּרובירן אַרויפצווינגען אויף זיין שוואַכערן שכן איר קולטור און אַריינשלינגען אין אירע געדערים דאָס פיזיש און גייסטיק שוואַכער פאָלק. „אַזאַ מצב איז זייער געפערלעך פאַר דער עקזיס־טענץ פון דער געזעלשאַפט, וועלכע געפינט זיך אין אים . . . דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלן אָדער געזעלשאַפטלעכן יש, ניט האָבנדיק זיך אין וואָס אָנצושפּאַרן, הויבט אָן פאַרניכטעט ווערן. דער דאָ־זיקער משונה׳דיקער מצב, וועלכער איז ניט קיין לעבן און ניט קיין טויט, דער מצב פון א „פאַרברענטער נשמה אין א לעבעדיקן גוף".

דאָס איז א גלענצנדיקער אַנאַליז פון דער אַסימילאַציע־מכה. ער ווייזט אָן ווי אַזוי ס׳קומט פאַר דער היסטאָרישער פּראָצעס פון אינדיווידועלן אויפליין און די פאַרניכטונג און אויסוואָרצלונג פון אַן אייגנאַרטיק, פולסירנדיקער פאָלק־קולטור

ער זעט אין דער אַסימילאַציע יענעם וואָרעם, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם עפּל־בוים, צעפרעסט זיינע וואָרצלען, זיינע שטאַמען און דער פּראַכטפולער, בליענדיקער עפּל־בוים הויבט אָן פאַרוויאַנעט ווערן, הערט אויף געבן זיינע געשמאַקע און רייצנדיקע רויט־פּנים׳דיקע פּירות . . .

אחד־העם וואַרפט זיינע פּאָלעמיש־גיפטיקע פיילן ניט נאָר אין לאַגער פון פּאָליטישן ציוניזם (וואָס איז אפשר ניט געווען היסטאָריש באַרעכטיקט), נאָר אויך אין לאַגער פון די יעניקע, וואָס

פרײדיקן נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד; דאָס װעלן זיך אױפֿלײזן אין דער ראָס פֿון אַן אַנדערן קולטור־אָרגאַניזם, צוליב באַקװעמערע מאַטעריעלע פּאָזיציעס און צוליב דרך ארץ פֿאַרן רײכן בעל־הבית. די דאָזיקע עלעמענטן זײנען שװאַכע כאַראַקטערן און רעניגאַטן, װאָס אַנטלױפֿן פֿון אײגענעם פֿאָלק, צוליב נישטיקע מיראַזשן . . . סוף־כל־סוף שװענקט מען זײ אַרײַס פֿון פֿרעמדנס אָרגאַניזם אַלס „אומרײנע װאַסער", װאָס פֿאַרגיפֿטעט יענעמס קולטור מיט צעפֿרעסנדיקע באַצילן . . .

אחד־העם האָט אױך ניט געשאַנעװעט יענע „סופּער־פּאַטריאָטען" מיט דאָפּלטע מאָסן און דאָפּלטע לאָיאַליטעטן. זײ װאָס טראָגן זיך אַרום אױפֿן װעלט־מאַרק מיט „מיסטישע װעלט־מיסיעס", װאָס זוכן געפֿעלן די גױים, דורך איבערצײגן זײ װאָס פֿאַרא לאָיאַלע פּאַטריאָטן זײ זײנען אין די לענדער אין װעלכע זײ װאױנען. די דאָזיקע הערן, איז װי אַ דאָרן אין אױג דאָס פֿאַרשפּרײטן פֿון אידעאָלאָגיעס װעגן נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקײט און נאַציאָנאַלער זעלבסטװירדיקײט. זײ פּרובירן פֿאַרשפּרײטן זײער אָפּגעביאַלקעװעטע מיסיע פֿון „פֿעלקער־ברידערלעכקײט" און װײזן אָן, אַז זײ האָבן זיך שױן לאַנג באַפֿרײט פֿון דער אידישער נאַציע. „ . . . זײ װאָס טראָגן זיך אַרום מיט די „גרױסע אידעאַלן", זעען דערװײל ניט װאָס אַרום זײ טוט זיך, זײער „גרױס און ברײט אױג", זאָגט אחד־העם אין זײן בײסנדיקער איראָניע, נעמט אַרום „ברײטע האָריזאָנטן", אָבער זײ זײנען ניט בכוח צו זען װי דער אַנטיסעמיטיזם געװאַונט אַלץ גרעסערע פּאָזיציעס און גראַד דאָרטן, װאו די דאָזיקע „זײדענע הערן" טראָגן זיך אַרום מיט זײערע פּעק פֿון בױמלדיקע שימות װעגן „װעלט־פֿרידן און אַ שענערע געזעלשאַפֿט". זײ װאָס עצה'ן: „זאָלן אונזערע סוחרים זײן ערנטלעכע, אַלע אונזערע גבירים, באַשײדענע און גרױסע פֿילאַנטראָפּן, אַלע אונזערע געלערנטע: פּשוט בײ זיך. אונזערע שריפֿטשטעלער: אמת'ע פּאַטריאָטן אָן שום אײגענעם אָפּנױג" . . . דעמאָלט פֿאַרשטײט זיך שױן אַלײן, אױב מיר װעלן פּראַקטיצירן די דאָזיקע תורה פֿון מלאכים, װעלן מיר זיכער מאַכן אַן אײנדרוק און אױסנעמען בײ אונזערע קריסטלעכע און ניט־אידישע שכנים . . . האָבן מיר דען

ניט אויסגענומען ביי אונזערע שכנים, ווען מיר האָבן זיי געגעבן א מאָראַל, וואָס זיי האָבן גראָד אַקצעפּטירט „וועגן ליב האָבן דעם צווייטן . . . און וועגן אונטערשטעלן די צווייטע באַק? . . . „אַך, ווי מ׳האָט אונז באַלוינט פאַר דער דאָזיקער מאָראַל־פילאָזאָפיע . . .

נאָך אין די טעג פון היטלער־סטאַלין, הערן מיר די זעלביקע אָדער כמעט די זעלביקע טענות וועגן אידישער אויפירונג, אביסל אַנדערש וואַריאירט, אָבער די זעלביקע טענות.

ווייזט אויס, אז ס׳איז האָך פאַראַן א שמץ פון אמת אין דער אומשולדיק, סקאַרבאָווער פראגע: „אז געשיכטע ווידערהאָלט זיך”. דעמאָלט האָבן מיר פאַרמאָגט יענע עלעמענטן, וואָס האָבן אונז אונטערגעטראָגן „וועלט דערלייזערישע מיסיעס” און אויך אין אונזערע טעג פון טיפן צער און צאָרן, יאַוועז זיך ווייטער יענע אונז־באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן, וואָס באַגליקן אונז ווייטער מיט נייע מיסיעס, אָבער אין תוך זיינען זיי ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו די פריערדיקע. ס׳ווייזט אויס, אז די דאָזיקע „אידעאָלאָגן” האָבן גאָרניט געלערנט און גאָרניט פאַרגעסן . . . ווען ס׳ווערט דערמאָנט, זיי אויף צעפּוקעניש, אז ס׳איז פאַראַן א שאַפנדיק, לעבנדיק אידיש פאָלק, וואָס שטרעבט צו נאַציאָנאַלער זעלבסט־שטענדיקייט און באַפרייאונג, ציטערן זיי אויף פאַר פחד און שרעק די „גרויסע גייסטער”, ווען די פשוט׳ע ווערטער ווערן ארויסגע־בראַכט אין דער עפנטלעכקייט, בפני כל עם ועדה . . .

אָבער דער אמת׳ער אמת איז, אז זייערע מאָטיוון זיינען עגאָ־איסטיש און אומריין. זיי ווילן דערשטיקן דעם איד און דעם אי־דישען מהות צוליב אייגענע קאַפּריזן און צוליב דרויסנדיקער „פרייהייט”, וואָס מ׳טראָגט זיי אונטער אויפן שפּיץ פון מעסער. נאָך אביסל דרויסנדיקן גלאַנץ — און וואָס זיי רופן רעכט — איז ביי זיי „דער שכל און דאָס מאָראַלישע געפיל” אַטראָפירט געוואָרן...

ווי גלענצנדיק אחד־העם זאָגט עס אין זיין עסיי, „פרייהייט־שקלאַפן”. „צי בין איך ווירקלעך מקנא אונזערע ברידער אין מערב אויף זייער רעכט? און מיין ענטפער איז: ניין און ניין! לא הן ולא שקרן. איך וויל ניט די רעכט און איך וויל ניט די שקלאַפעריי . . . איך, אויב איך האָב קיין רעכט ניט, האָב איך

כאַטש מיין נשמה ניט פאַרקויפט. איך קאָן דערמאָנען ירושלים ניט נאָר בשעת דעם דאַווענען, און קאָן זאָגן „איכה" בציבור און ביחידות און האָב ניט דעם פּחד טאָמער וועט מען מיך פרעגן: „וואָס איז ציון פאַר מיר און וואָס בין איך פאַר ציון?". איך דאַרף ניט אויפהויבן מיין פאָלק ביז צום הימל, כדי צו געפינען א באַרעכטיקונג פאַר זיין עקזיסטענץ; איך ווייס ווידער אויך, פאַרוואָס איך בלייב א איד, ריכטיקער געזאָגט: איך פאַרשטיי גאָר־ניט וואָס פאַרא פראַגע דאָס איז, פונקט ווי מ'זאָל מיך למשל פרעגן: פאַרוואָס בין איך מיין פאָטערס זון? איך קאָן אַרויסזאָגן די פרייס־טע מיינונג וועגן דעם גלויבן און וועגן די אַנשויאונגען וואָס מיינע עלטערן האָבן איבערגעלאָזט בירושה, ניט מורא האָבנדיק טאָמער וועט זיך צוליב דעם איבעררייסן די פאַרבינדונג צווישן מיר און מיין פאָלק. איך קאָן אפילו זיך באַטראַכטן פאַר אן אָנהענגער פון יענער וויסנשאַפטלעכער „כפירה", וואָס טראָגט אויף זיך דאַרווינ'ס נאָמען, און ס'זאָל אין קיין שום סכנה מיין אידישקייט ניט שטעלן: קורץ, איך בין שטענדיק וואָס איך באַדאַרף צו זיין. אויך מיינע אַנשויאונגען און געפילן מיט וועלכע איך טרעט אַרויס, זיינען שטענדיק מיינע אייגענע, און איך האָב ניט קיין שום סיבה זיי צו פאַרניכטן, יענעם אָדער זיך אָפּצונאַרן . . . די דאָזיקע אינערלע־כע פרייהייט — זאָל פון מיר לאַכן ווער ס'וויל — וועל איך ניט פאַרבייטן פאַר קיין שום רעכט אין דער וועלט" . . .

יאָ, דער דאָזיקער קריטעריום צו אונזערע אַסימילאַטאָרן און די פאַרשיידענע מיסיאָנערן מיט „וועלט־דערלייזערישע מיסיעס", איז נאָך ביז גאָר אַקטועל אין אונזערע טעג, וואו דער אַסימילאַציע־באַגריף האָט געהאַט זיין פולשטענדיקן באַנקראָט אין דייטשלאַנד, אָבער דאָך — דאָך באַווייזן זיך פאַר אונז ווייטער די דאָזיקע „זייי־דענע הערן" אין אַנדערע לענדער און אויך אין אַמעריקע. פאַר זיי איז דער היטלעריזם מיט זיין ראַסן־טעאָריע גאָרניט קיין מוסר־השכל . . . מיר זיינען געווים דאַנקבאַר יענע ליבעראַלע רעגירונגען וואָס שענקען אונז גאַסטפריינטלעכקייט און א וואַרימע באַציאונג, אָבער צוליב דער דאָזיקער גאַסטפריינטלעכקייט, אין וואָס פאַר א גראַד זי זאָל זיך ניט אויסדריקן, זיינען מיר נאָך ניט גרייט פאַר

דער דאָזיקער רעכט, צו וואַרימען זיך ביי פרעמדן פייער . . . אחד־העמ׳ס ענטפער צו די פערזענלעכקייטן פון „אמאָליקן מערב״ איז געווען אַן ענטפער פון אַ שטאָלצן מאָדערנעם איד און מענטש און דער זעלביקער ענטפער איז נאָך גילטיק אין אונזערע טעג . . .

אחד־העם און זאב זשאַבאָטינסקי

עפּעס מאָדנע וועט קלינגען צו אַ סך דאָס קעפּל פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל. וואָס פאַרא שייכות האָבן דאָס די דאָזיקע צוויי קאָנ־טראַסטן. ס'איז דאָך איינגנטלעך גייער מיט וואַסער, וואָס איך פּרו־ביר צוזאַמענברענגען. איז עס טאַקע אַזוי מאָדנע? לאָמיר פּרובירן אַנאַליזירן.

עס זיינען פאַראַן מיינונגען, באַרעכטיקטע און ניט באַרעכטיק־טע, אַז די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג וויינזט אַרויס אַ צינישע באַ־ציאונג צו דעם ציוניסטישן קריטעריום פון אחד־העם'ס אויסטייט־שונג.

דער אמת איז: ס'זיינען טאַקע פאַראַן שאַרפע חילוקי דעות צווישן די פרומע אָנהענגער פון אחד־העם און די פרומע אָרטאָדאָקסן פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, אָדער בעסער פאָרמולירט, די פרומע חסידים פון זאב זשאַבאָטינסקי'ן, דעם באַגרינדער פון דער ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג.

אָבער ווען מ'וויל דורכפירן אַ שטרענג אָביעקטיוון אַנאַליז פון דעם רעוויזיאָניסטישן איינשטעל, וועט אונז גאָר ניט זיין אַזוי שווער אָנצואווייזן אויף בלימעלעך, וואָס זיינען אויפגעגאַנגען אַ דאַנק דאָס פאַרזייען די זאָמען פון אחד־העם'ס תורה.

אינטערעסאַנט איז, וואָס אַ גאָר באַדייטנדיקע צאָל אחד־העם'ס חסידים, צווישן זיי דער באַוואַוסטער קולטור־פאָרשער און העברעי־אישער פּובליציסט, יוסף קלויזנער, וואָס איז, אגב, אויך געווען רע־דאַקטאָר פון „השלח" און דער מחבר פון אַ ריי אינטערעסאַנטע אָפּ־האַנדלונגען פון אחד־העם'ס „גייסטיקן ציוניזם", — געפינט זיך צווישן די באַדייטנדיקסטע אָנהענגער פון זשאַבאָטינסקי'ס רעווי־זיאָניזם.

אמת איז, אַז זשאַבאָטינסקי אַליין איז געקומען צום ציוניזם דורך דרויסנדיקע איינפלוסן. זיין אידישער נאַציאָנאַליזם איז אַ פּועל יוצא פון זיין שטודירן די קלאַסיקער פון וועלטלעך־נאַציאָנאַלן

רענעסאנס. באזונדערס די קלאסיקער פון איטאליעניש נאציאנא־ליזם, דעם פילאזאף מאציני און דעם פרייהייט־קעמפער גאריבאלדי. ער האט אויך נאכגעפאלגט די פוילישע רעוואלוציע פון 1863 מיט זייערע העלדן. דאך, האט זשאבאטינסקי אויך געקראגן די השפעה פון אדעסער אידנטום, וואו אחד־העם איז געווען איינער פון זיינע איינפלוסרייכסטע פערזענלעכקייטן. מיר זיינען זיכער, אז די דאזיקע עפאכע אין זשאבאטינסקי׳ס גייסטיקער אנטוויקלונג האט זיך באזונ־דערס אפגעשטעמפלט. מיר לייענען עס טאקע אין זיינע שיין גע־שריבענע זכרונות. זשאבאטינסקי, פונקט ווי הערצל, נארדוי, און פאר זיי — מאזעס העס, האט סינטעטיש פארבונדן די דרויסנדיקע השפעה מיט דעם גאנג פון דער אידישער געשיכטע. מיר זעען עס אין זיין פראכטפולן ראמאן „שמשון דער נזיר״, וואו ער שאפט דעם סינטעז פון גייסטיקער און פיזישער גבורה, וואס איז אזוי כאראק־טעריסטיש אין דער אידישער געשיכטע.

אין צוזאמענהאנג מיטן צענטן יארצייט פון אחד־העם, האט הער פריוואט־סעקרעטאר פון אחד־העמ׳ען פארעפנטלעכט א ריי זכרו־נות וועגן אים. אין איינעם פון יענע קאפיטלען, רעדט פאגראבינסקי וועגן דער באציאונג פון אחד־העמ׳ען צו זשאבאטינסקי, וואס וועט אונז דינען פאר אויטענטישן מאטעריאל, צו באווייזן, אז די דאזיקע אין תוך צוויי באזונדערע פערזענלעכקייטן, האבן זיך פאראינטערע־סירט איינער אין דעם אנדערן און אז זשאבאטינסקי האט געהאט א גאר ווארימע באציאונג צו דעם נאציאנאל־פילאזאף, אחד־העם. פאגראבינסקי דערציילט צווישן אנדערעס:

„מיט גרויס אינטערעס האט אחד־העם נאכגעפאלגט נאך זשא־באטינסקי׳ס מעשים, בעת ער האט געוווילט אין ארץ־ישראל (אין 1926) און ער האט מיך געבעטן פארצייכענען אים יעדן פרט, וואס די צייטונגען שרייבן וועגן אים. זשאבאטינסקי׳ס רעדעס האב איך געמוזט לייענען פון אנהויב ביזן סוף, און ער האט זיך געוואלט זען מיט זשאבאטינסקי׳ן און רעדן מיט אים.

עס האט זיך אזוי געמאכט, אז זשאבאטינסקי האט באלד ביים אנקומען אין תל־אביב ניט באזוכט אחד־העמ׳ען, און דאס האט אחד העמ׳ען פארשאפט גרויסן צער. זעט אבער אוים, אז פונקט אזוי

ווי אחד־העם האָט געוואָלט זען „וואַלאַדיאַ״ (אזוי האָט אים א״ה גע־רופן לויטן אדעסער שטייגער) — פונקט אזוי האָט זשאבאָטינסקי געוואָלט זען אחד־העמ׳ען, דעם מורו ורבו בציוניות (אזוי האָט זשאַ־באָטינסקי אָנגערופן אחד־העמע׳ן בעתן גרויסן באנקעט, וואָס איז לכבוד אים איינגעאָרדנט געוואָרן דורך א. בערלין און א. דרויאַנאָוו) — און אין א געווייסן טאָג האָט אחד־העם באקומען א בריוול פון זשאבאָטינסקי, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט דעם וואונטש „לדפוק על דלתות המורה הזקן ר׳ אשר גינזבורג״ . . .

און פּאָגראַבינסקי גיט איבער דעם געשפּרעך צווישן די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן ווען זיי האָבן זיך באגעגנט. פריער איז עס געווען א פּערזענלעכער שמועס און דאַן איז מען איבערגעגאנגען צום ציור־ניסטישן סדר־היום: „אין ווייטערדיקן געשפּרעך האָט זשאבאָטינסקי געמאכט אזא באמערקונג: „איר נעגירט די נויטווענדיקייט פון א אידישער מערהייט אין א״י, באנוגענדיק זיך בלויז מיט א „מרכז רוחני״. און איך האַלט, אז אין אייער קאָמף מיט הערצלען זענט איר אין דעם פּאַל ניט געווען גערעכט. אָן א אידישער מערהייט קאָן ניט געמאָלט זיין קיין שטאַטלעכע לייסטונג, ווי אויך ניט קיין שום געזעלשאפטלעכע לייסטונג פון א ברייטערן פאַרנעם״.

אחד־העם האָט אים איבערגעריסן מיט דער פראגע: ווער האָט אייך געזאָגט, אז איך בין קעגן א אידישער מערהייט אין ארץ־יש־ראל? דערויף האָט זשאבאָטינסקי געענטפערט: „אלע אייערע האנד־לונגען און שריפטן זאָגן, אז ניט די קוואנטיטעט איז דער עיקר, נאָר די קוואליטעט, און אז פופציק טויזנט אידן דערצויגענע אין יהדות־גייסט אין ארץ־ישראל, האָט מער באדייטונג ווי פופצן מיליאָן אידן אין דער גאנצער וועלט. און איך זאָג, אז דריי מיליאָן אידן אין א״י, אָן א הויפּט יודיאישן זינוך זיינען לויט מיר מער ווערט פון דעם קליינעם היפּעלע אידן, וועלכע זיינען דערצויגן אין נוסח פון אייער לערע וועגן א גייסטיקן צענטער, און דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל איך בין לחלוטין מבטל דעם איכות, נאָר ווייל איך האַלט, אז אויב עס וועט זיין א אידישע מערהייט אין ארץ ישראל — וועט זי סוף־כל־סוף מוזן דערצויגן ווערן אויף דער שוים פון יהדות, און א גרויסער כמות אידן וועט שליסלעך אויך דערפירן צו א גרעסערער

איכות". דאָ האָט אים אחד־העם ווידעראַמאָל איבערגעריסן מיט אַ באַמערקונג:

— „ווידער באַטאָן איך אייך, אַז איך בין כמעט געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן געטענה'ט, אַז אָן אַ אידישער מערהייט אין ארץ־ישראל וועט זיך אויך ניט איינגעבן קיין גייסטיקער צענטער".

זשאַבאָטינסקי האָט געענטפערט: איך דערמאָן זיך ניט קיין איין שטעל אין אייערע שריפטן, אין וועלכע איר זאָלט האָבן באַ־טאָנט די נויטווענדיקייט פון אַ אידישער מערהייט אין א"י . . .

אחד־העם האָט זיך דאָן אָנגערופן: צי איר דערמאָנט זיך יאָ אָדער ניט — איז ניט וויכטיק. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז איך האָב אַמאָל גאַנץ קאַטעגאָריש באַטאָנט די נויטווענדיקייט פון אַ אידישער מערהייט. ליידער געדענק איך ניט אויפן מאָמענט וואו איך האָב דאָס געשריבן, איך וועל בעטן דעם סעקרעטאַר אויפזוכן די דאָזיקע שטעל אין די פיר בענד „על פרשת דרכים" און ביי אַ צווייטן צו־זאַמענטרעף וועל איך אייך אויפווייזן, אַז איך בין דאָ גערעכט.

דער ה' פּאָגראַבינסקי דערציילט, אַז ער האָט דעם נויטיקן מאמר געפונען און עס שריפטלעך איבערגעגעבן זשאַבאָטינסקי'ן. אין דעם דאָזיקן מאמר ווערט דאָס פּאָלגנדיקע געזאָגט: „. . . די שטרעבונג צו נאַציאָנאַלע רעכט, וועלכע מ'קאָן ניט באַקומען אין גלות מוז ברענגען צו דער אנערקענונג, אַז ס'איז פאַראַן נאָר איין נאַציאָנאַל רעכט, וואָס קאָן באַפרידיקן אונזער נאַציאָנאַלער אויסלע־בונג און וואָס אָן דעם וועלן מיר קיינמאָל ניט דערגרייכן אונזער תכלית. דאָס דאָזיקע רעכט איז: אַז אויך מיר זאָלן זיין אַ מערהייט אין אַ לאַנד אונטער דער זון, אַ לאַנד אויף וועלכן אונזערע היסטאָ־רישע רעכט דאַרף ניט אָנקומען צו ווייטע ראיות, אַ לאַנד, אין וועמענס היסטאָרישער אַטמאָספער וועט זיך אַנטוויקלען אונזער נאַ־ציאָנאַל לעבן" . . . („שלוש מדרגות").

אין אַ רעדע וואָס זשאַבאָטינסקי האָט דאַן געהאַלטן לכבוד אים, האָט ער אין זיין ענטפער־רעדע צווישן אַנדערעם געזאָגט: „די לערע פון אַ אידישער מערהייט — פון וועמען האָב איך זי געלערנט? — פון אחד־העם! אַזוי שטייט זי געשריבן . . . און ער האָט ציטירט דעם פריער־געבראַכטן פּאַראַגראַף פון אחד־העמ'ס מאמר.

איז דאָך איבעריק צו זאָגן, אַז אַ פּערזענלעכקייט ווי זשאַבאָ־טינסקי, וואָס באַטיטלט אחד־העמ׳ען אַלס ׳לערער׳, אַז ס׳איז ניט סתם געווען אַזוי אַ קאָמפּלימענט. זשאַבאָטינסקי, טראָץ וואָס ער׳ז געווען דער עקסטרעמער, קאָנסעקווענטער הערצליאַנער, האָט ער אויך גע־מוזט, אין זיין ציוניסטישן דרך, באַאײַנפלוסט ווערן פון דעם פאָ־טער פון „גייסטיקן ציוניזם״.

דער שפּראַך מאַניסט

אחד־העם איז געווען דער עקסטרעם־קאָנסעקווענטער העברייער. ער האָט געהאַט אַ זייער נעגאַטיווע באַציאונג צו אידיש אַלס קולטור־שפּראַך. ער האָט ניט געהאַלטן פון פּאָפּולערן כּלל: „צוויי שפּראַכן — איין קולטור". כאָטש ער איז געווען דער גרויסער בקי אין דער אידישער און אַלגעמיינער קולטור־געשיכטע, און איז זיכער געווען באַקאַנט מיטן שפּראַכן־דואַליזם וואָס האָט געהערשט כּמעט ביי יעדן פאָלק און באַזונדערס ביי אידן. די הייליקע שפּראַך און די אַלטעג־לעכע שפּראַך. די דאָזיקע דערשיינונג וואָס איז דירעקט אַריבער־געטראָגן געוואָרן פון רעליגיעזן לעבן, און וואָס האָט אויסגעאיבט אַ זייערע שטאַרקע השפּעה אין דעם לעבן פון פעלקער. אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיך אידן זייער ווייניק גערעכנט מיט דער דאָזיקער טענדענץ. אידישע געלערנטע און דענקער האָבן דווקא גע־שאַפן זייערע מאָנומענטאַלע ווערק אין די שפּראַכן וואָס זיינען אַמ־מערסטן געווען צוגענגלעך פאַר אידן. די בעסטע אילוסטראַציע איז פאַר אונז די „גאָלדענע תקופה" פון מיטלאַלטער, ווען אידישע פילאָזאָפן און דיכטער האָבן געשאַפן זייערע ווערק אין אַראַביש — די שפּראַך פון די אידן אין שפּאַניע אין יענער צייט. אמת, אַז אַ טייל פון די ווערק האָבן שפּעטער געמוזט איבערגעזעצט ווערן אין דער העברייאישער שפּראַך, אָבער אַ גרינטלעכער אַנאַליז פון די פאַר־שידענע תקופות אין אידישן לעבן, באַווייזט אונז, אַז די ווערק זיינען ניט איבערגעזעצט געוואָרן צוליב דער פּרעזערוואַציע פון די ווערק, נאָר צוליב באַקוועמלעכקייט פאַר יענע אידן, וואָס האָבן ניט גערעדט קיין אַנדער שפּראַך, ווי די העברייאישע. דער גרעסטער טייל פון תּלמוד איז נאָך ביז היינטיקן טאָג געבליבן אין דער אָריגינעלער שפּראַך, אין וועלכער ער איז געשאַפן געוואָרן — און אידן באַ־טראַכטן דעם תּלמוד פאַר דאָס גרויסע ריזן־ווערק פון אידישן שאַפן. דער זעלביקער תּלמוד האָט אַ זייער טרעפלעך וואָרט: „ניט די קרוג איז וויכטיק, נאָר וואָס געפינט זיך אין דעם קרוג".

אין דער צייט ווען ס׳ווערט פאַרופן די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואו אידיש ווערט פּראָקלאַמירט אלס „א נאַציאָנאַלע שפּראַך", קומט אחד־העם ארויס מיט א זייער שאַרפן און בייסנדיקן ארטיקל, וואו ער אַטאַקירט די פירער פון יענער היסטאָרישער קאָנפערענץ. ער רעדט בכלל ארום די שפּראַכן־פּראָגע אין איר ברייטערן אַספּעקט. ער האַלט, „אַז צוגלייך מיט רעליגיע, איז אויך העברייאיש אריינגעגאַנגען אלס אן אייזערנער באַשטאַנדטייל אין דעם רעדוצירטן קאַפּיטאַל פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, וועלכע די אידן האָבן אָפּגעראַטעוועט, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט ארץ ישראל. די העברייאישע שפּראַך האָט טאַקע אויפגעהערט צו זיין די שפּראַך פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, ווייל — די באַציאונגען פון גלות־לעבן האָבן דאָס ניט דערלויבט, זי איז אָבער געבליבן די קולטור־שפּראַך פון דעם פאָלק, די שפּראַך פון דער ליטעראַטור. עס טרעפן זיך אפילו מאָמענטן אין דער אידישער געשיכטע, ווען באַדייטנדיקע ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן, אָבער אויך זיי האָבן געמוזט איבערזעצט ווערן אויף העברייאיש, כדי זיי זאָלן ניט גיין לאיבוד פאַר דער אידישער קולטור". אזוי איז עס געווען מיט די ווערק פון די אידישע מחברים אין דער אראַבישער תקופה, וועלכע פלעגן שרייבן אראַביש . . . „די פאַרשיידענע „געלינגענע" שפּראַכן, מיט וועלכע אידן פלעגן זיך באַנוצען אין משך פון זייער לאַנגן גלות, זיינען פאַרשוואונדן אָן קיין שום זכר, ווייל דאָס פאָלק האָט אין זיי ניט אריינגעלייגט זיין נשמה... די אָביעקטיווע נאַציאָנאַלע קולטור קאָן זיך אויסדריקן נאָר אויף העברייאיש — אין דער אייביקער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון דעם פאָלק . . . דאָס וואָס וועט ניט איבערזעצט ווערן אין העברייאיש, וועט פאַרגעסן ווערן צוזאַמען מיטן „זשאַרגאָן" — דאָס איז געווען די שטרענגע ווערסיע פון אחד־העם בנוגע צום „זשאַרגאָן" . . .

אָבער מיר זיינען זיכער, אַז טראָץ דעם קריזיס וואָס אידיש מאַכט איצט דורך, צו זיין אָביעקטיוו, מאַכט דעם קריזיס גלייכצייטיק דורך די העברייאישע קולטור — וועט דווקא קומען א מאָמענט אין אידישן לעבן, וואו אידיש און די אידישע ליטעראַטור און אלע אירע צווייגן, וועלן נאָך שפּילן א גאָר באַדייטנדיקע ראָליע אין דעם רענעסאַנס פון דעם אידישן פאָלק און איר פאָלקס־קולטור. עס

מערקט זיך גראָד אַ טענדענץ פאַר סינטעזן און אויך אידיש און העברייאיש וועלן מן־הסתם דורכמאַכן אַן ענלעכן סינטעז, ווייל שוין צו טיף האָט זיך די אידישע פאָלק־שפּראַך אריינגעפרעסן אין דער אידישער פאָלקס־נשמה. די ווערק וואָס זיינען שוין געשאַפן געוואָרן אין אידיש־לאַנד, זיינען פון אַ צו הויכן קוואַליטאַטיוון און קוואַנטיטאַטיוון ווערט, אַז אידיש זאָל פאַרשווינדן אַלס אַ וויכטיקער לעבענס־נערוו פון אונזער פאָלק. צו גרויס זיינען שוין די קרבנות, וואָס אידיש־לאַנד האָט געגעבן אויפן מזבח פון אידיש־נאַציאָנאַל־סאָציאַלער באַפרייאונג. סוף־כל־סוף, ווען מ׳מאַכט אַן אָביעקטיוון אַנאַליז אין די לעצטע טויזנט יאָר אידיש לעבן, מערקט איר דעם דינאַמישן כוח וואָס אידיש האָט משפּיעה געווען אין אונזער לעבן. ס׳איז אומזיניק צו איגנאָרירן די שפּראַך אויף וועלכער מיליאָנען פון אונזערע ברייטע פאָלק־מאַסן זיינען דערצויגן געוואָרן און געוואָרן געטרייע און איבערגעגעבענע דינער פון אידיש־נאַציאָנאַלן לעבן.

„אידישקייט איז ניט קיין פאַרבאַלזאַמירטע מומיע״ . . . — האָט אַמאָל באַמערקט אַ גרויסער אידישער פילאָזאָף. און אחד־העם וואָס האָט געגלויבט אין דעם עוואָלוציאָנערן פּראָצעס פון דער אידישער היסטאָריאָגראַפיע, וואָלט ביים היינטיקן טאָג, זעענדיק די פאַרצווייגטע אידישע אינסטיטוציעס און די קאָלירפולע גאַלעריע פון אידיש־שאַפער און אידיש־געניסער, אויף אַלערליי געביטן, וואָס ציען דעם רויט־זיידענעם פאָדים פון אידיש־לעבן ,אידישן המשך — וואָלט זיין בייסנדיקע, נעגאַטיווע ווערסיע צו אידיש, מן־הסתם אָנגענומען אַ מילדערן כאַראַקטער. באַזונדערס איצט, אין אָנגעזיכט פון אונזער איוב־דאָליע אין אַ וועלט פון וואַנזיניקער רשעות און בלוטיק־מיליטערישע רויב־צוגן, וואָלט ער איינגעזען ,אַז מ׳טאָר ניט פאַרשאַרפן די נאַציאָנאַלע ריסן, נאָר צעמענטירן, בויען, שאַפן און באַנייען . . . ס׳מערקן זיך טאַקע סימפּאַטישע ווינטן און דערנעענטערונג שטימונגען צו דער אידישער ליטעראַטור און אידיש־שאַפן אין אַלגעמיין, אין יענע קרייזן, וואָס האָבן זיך באַטראַכט און באַטראַכטן זיך פאַר אחד־העמ׳ס חסידים און פאַרערער און וואָס האָבן אויך אַמאָל אָנגענומען זיין קאָנצעפּציע און זיינע שאַרפע באַמערקונגען וועגן אידיש און דער אידישער ליטעראַטור.

דער שריפטשטעלער און זיין קאמף פארן גערדרוקטן וואָרט

מיר האָבן שוין אין אַן אַנדער אָרט אָנגעוויזן, אַז אחד־העם האָט ניט געשטרעבט צו דער שריפטשטעלער קרוין. ער האָט אין אָנהויב פון זיין שריפטשטעלערישער קאריערע ניט געהאט קיין ליטעראַרישע אַמביציעס. ער איז געווען א געלערנטער, ער האָט א סך צייט פארבראכט אויף לייענען. ער האָט שטודירט די קלאַסישע ווערק פון אַלטן גריכנלאַנד, די ווערק פון די רוסישע, ענגלישע און דייטשע קלאַסיקער אין דער וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישער ליטעראַטור. אָבער מיט זיין ערשטן, באַשיידענעם ארויסטריט אין דער העברייאישער פרעסע, האָט ער געמאַכט א פוראָר. ער האָט געהאט א גלענצענדיקן סטיל און א געזונטע לאָגיק. ער האָט די העברייאישער ליטעראַטור ארויסגעפירט פון די קינדער־שיכלעך, אין וועלכע זי האָט אין זיין צייט ארומגעשפּאַצירט.

ער האָט אין משך פון זיין לעבן ניט אָנגעשריבן קיין סך. ער האָט זיך אויך ניט אוועקגעזעצט אויף א באַשטימטער צאָל יאָרן אין זיין קאַבינעט אָנצושרייבן א גרעסער ווערק. ער האָט אפשר געהאט אַמביציעס דערפאַר, אָבער ער האָט אַלץ געלערנט, געאַרבעט אויף זיך. ער האָט נאָך ניט דערפילט די פולע רייפקייט צו פארפאַסן א מאָנומענטאַלע ארבעט. דערווייל האָט ער פארפאַסט לענגערע און קלענערע פובליציסטישע ארבעטן. אין די דאָזיקע עסייען, וואָס האָבן אַלע געטראָגן א ספּעציפיש אידישן כאַראַקטער, האָט ער ארומגענומען זיין וועלט־באַנעם פון גייסטיק־קולטורעלן ציוניזם.

אין משך פון פערציק יאָר ליטעראַריש שאַפן האָט ער באַוויזן ארויסצוגעבן א זאַמלונג פון פיר בענד, אין וועלכע ס'זיינען צעזייט זיינע געדאַנקען. אין די דאָזיקע ארבעטן פאָלעמיזירט ער מיט פארשידענע פערזענלעכקייטן, אידייען און באַוועגונגען. ער

איז אין זיינע ארבעטן סאטיריש־שניידנדיק, לאָגיש אייזן־פעסט. אַ סך פון זיינע געדאַנקען שניידן ווי אַ גאַל־מעסער. ער פּאַלמעסט און אַנאַליזירט. דאָס איז זיין כאַראַקטעריסטישער מעטאָד וואָס איר באַמערקט אין אַלע זיינע שאַפונגען. ער וואַרפט זיך מיט פסוקים פון אַלערליי געלערנטע און דערצו פלעכט ער אריין זיינע אייגענע געדאַנקען־פּערל. ער קאָן די פאַרגאַנגענהייט און האָט אַ וויטן בליק פאַר דעם אָנקומענדיקן מאָרגן.

אין 1895 דערשיינט זיין ערשטע זאַמלונג אונטערן נאָמען: „על פרשות הדרכים". זיין צווייטע זאַמלונג אונטערן זעלביקן נאָמען דערשיינט אין יאָר 1905, זיין דריטע און פערטע זאַמלונג אין 1913. זיינע אַרבעטן זיינען פריער דערשינען אין די זשורנאַלן „כורם", „פרדס" און „השלוח". זיינע מיניאַטור־עסייען ווערן באַטראַכט פאַר פּערל אין דער העברעיאיש־אידישער ליטעראַטור. דאָ רעדט ער אַרום די ברייטע און אייביגע אַספּעקטן פון אידנטום. ער פירט דורך שייד־ליניעס צווישן פאַרשידענע אידייען און וועלט־אַנשויאונגען, ווי: קריסטנטום און אידנטום, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. מאָרגן־אידייען און נעכטן־אידייען; דער כהן און דער נביא, און נאָך אַזעלכע ענלעכע טעמעס, וואָס וועלן בלייבן מאָנומענטאַל אין דער אידישער קולטור־געשיכטע.

ווען ער איז צעבראָכן און צענומען פון דער וועלט־מלחמה און ווען זיין געזונט דינט אים שוין ניט פאַר גרעסערע אַרבעטן, קלייבט ער צונויף זיינע בריוו, וואָס ער האָט אין משך פון זיין געזעלשאַפטלעך און ליטעראַריש שאַפן געשריבן צו פאַרשידענע כלל־טוער, שריפטשטעלער און אַנדערע. ער פאַרעפנטלעכט זעקס בענד פון איבער 1,500 הונדערט בריוו, וואָס זיינען וואונדערבאַרער מאַטעריאַל פאַר דעם קולטור־היסטאָריקער פון זיין צייט און אויך גלענצענדיקער שטאָף פאַר דער מאָנומענטאַלער ביאָגראַפיע, וואָס דאַרף ערשט געשריבן ווערן וועגן אחד־העם'ען. דער שטרענגער ראַציאָנאַליסט, דער מחבר פון „שלטון השכל", וואָס איז געווינט צו גיין אין די דרכים פון אונזער גרויסן מיטלאַלטערלעכן אידישן קולטור־פילאָזאָף — דער רמב"ם, וואָס איז זיכער אחד־העם'ס פּראָטאָטיפּ, צעגיסט זיך אין זיינע בריוו אַזוי אינטים־לי־

ריש. איך זעט פאַר זיך אַ מענטש מיט אַ צעבראָכענער נשמה, וואָס האָט אַזויפיל צער סיי אין זיין פּערזענלעכן און סיי אין זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער שרייבט צו איינעם ש. בּאַראַש אַ בריוו וואָס לייענט זיך: „. . . ווען איך זאָלט כאָטש וויסן אַביסל פון מיינע טרבות, פון מיין ביטערקייט, פון מיין האַרץ־ליידן — וואָלט איך פאַרשטאַנען ווי שווער ס'איז מיר אָנצורירן מיט מיינע הענט אָט די וואונדן . . . אָבער מיט ווייטיק דאַרף איך זיך דאָך צורירן צו זיי. איך פיל, אַז איך האָב זיך באַנאַרישט צו זיין אַן עלטערער כהן אין אונזער אומגליקלעכער ליטעראַטור . . . איר ווייסט, אַז אַלע מיינע יאָרן בין איך געווען אַ צעצווייטער, אַ צוויי־זייטיקער מענטש; באַשטימטע שעה'ן אין טאָג האָב איך מיך פאַר־נומען מיט עולם־הזה זאַכן און דערנאָך, אַז איך האָב מיך אומ־געקערט אַהיים צו מיינע ספרים און צו מיין שרייב־טיש, בין איך געווען אַן אַנדערער מענטש און בין געווען אין מיינע אויגן ווי אַ כהן־גדול, וואָס טוט די עבודה אין קדשי־קדשים . . . מיין אַרבעטער איז געווען אַ הייליקע . . . אָבער וואָס טו איך איצט? איצט האָב איך פאַרשוועכט מיין מדקש און צונויפגעמישט וואָך מיט הייליקייט. איצט בין איך געוואָרן אַ סוחר מיט הייליקע זאַכן. איך קאָן שוין ניט לייגן אַכט אויף מיינע הייליקייטן. איך פאַרנעם זיך מיט לייענען מאמרים וואָס זיינען פול מיט נאַריש־קייטען . . . צוליב וואָס טו איך דאָס? נאָר צוליב דעם טרוקן שטיקל ברויט וואָס איך האָב פאַר מיין הויז געזינט" . . . איר פילט ווי ס'טריפט זיך בלוט פון זיין האַרץ בשעת ער שרייבט די שורות. אַזאַ ערלעכקייט און אַזאַ אָפנהאַרציקייט וואָס איז אַ זעלטנהייט! אָדער אין אַן אַנדער בריוו וואָס ער שרייבט צו דר. טהאָן וועגן זיינער אַ פערזענלעכער טראַגעדיע: „. . . מיר איז זייער אָנגענעם צו הערן, אַז גאָט האָט דיך געבענטשט מיט אַ זון וואָס גייט אין דיינע דרכים. אין דער צייט וואָס ס'איז מקוים געוואָרן ביי אונז די סאַמע שרעקלעכסטע קללה פון דער תוכחה: „דיינע זין און טעכטער זיינען אַוועק צו אַן אַנדער פאָלק" — קען קיין שום איך ניט פאַרלאַנגען פון גאָט אַ גרעסערן גליק, ווי זיינע קינ־דער זאָלן זיין און בלייבן זיינע" . . . ווייטער פילט זיך דער

אינטימער צער און ווייטיק; אַ מענטש וואָס איז דער שאַרפסטער און ביטערסטער קעמפער קעגן דער איינשלינגענדיקער אַסימילאַציע — ווערט אליין ביטער באַשטראָפט פון גורל: זיין טאָכטער פאַרליבט זיך אין אַ ניט־איד און גייט איבער צו אַ צווייטן גלויבען . . . וואָס פאַרא פאַראַדאָקסאַלער קוריאָז! אין אַן אַנדערן בריוו באַקלאָגט ער זיך: „איך בין אַ „מלחמה־מענטש" — שוין פיר און צוואַנציק יאָר און איך געדענק קיין פאַל ניט, אַז אימיצער פון די שרייבער זאָל קומען מיר העלפן . . . שטענדיק בין איך געווען אַ יחיד קעגן אַ רבים" . . .

אין זיין אַרבעט איז ער שטענדיק דער עקסטרעמער קעמפער. ער פירט זיין קאַמף מיטן ציוניזם, מיט דער אַסימילאַציע, מיט דער אָרטאָדאָקסיע און מיט די רעפאָרמער און מיט געוויסע ליטעראַרישע שטרעמונגען אין דער העברעיאישער ליטעראַטור. ער פירט זיין קאַמף מיט אידיש און מיט דער אַריינרייסנדיקער אידישער ליטעראַטור.

זיין קאַמף וואָס ער האָט אָנגעפירט מיט בערדיטשעווסקי, אין זיין צייט, איז נאָך גאַנץ אַקטועל אין אונזערע טעג, כאָטש אויף אַ גאַנץ אַנדערן מאַסשטאַב. ריבטיק האָט כאַראַקטעריזירט דעם קאַמף דער העברעיאישער קריטיקער און שריפטשטעלער לאַכאָווער: „אחד־העם האָט געוואָלט לעבן אין אַ וועלט פון אידישקייט און בערדיטשעווסקי האָט דאָס אייראָפּעיאישע מיט גוואַלט געשלעפּט צו אידן" . . . אין אַ בריוו וואָס אחד־העם שיקט צו בערדיטשעווסקין אַלס ענטפער וועגן זיין עסיי „סתירה ובנין", וואו ער פירט אריין דעם ניטשע'אַנישן קוק אויף וועלט־געשעענישן אין דער העברעיאישער ליטעראַטור, שרייבט ער: „איך האָב געלייענט דיין מאמר און מיר טוט זייער לייד, וואָס איך קאָן אים ניט דרוקן. מיינע מאָטיוון זיינען: ווער ס'קומט אין פאָדערגרונט צו צעשטערן די היסטאָרישע אידישקייט ביזן גרונט — מוז ער שטיצן זיינע רייד מיט שטאַרקע באַווייזן, ער האָט ניט קיין רעכט זיך בלויז צו באַנוגענען מיט ווערטער" . . . יאָ, אויך היינט וואָלט מען געדאַרפט זאָגן די דאָזיקע שטאַרקע ווערטער צו געוויסע פאַרטייטשער

פון אידישקייט . . .

אחד-העם איז געווען דער מאָדערנער העברייאישער פובליציסט-פילאָזאָף. ער האָט געשריבן קורצע געשפּרעכן וועגן גרויסע ענינים, אָבער אין זיין גוט-באַגרינדעטער עסיי, האָט ער אויספאָרמירט זיין וועלט-אַנשויאונג וועגן וועלט, מענטש און איד. וועגן זיין סטיל האָט מען געקאָנט אָנווענדן דאָס פראַנצויזישע ווערטל: דער סטיל, דאָס איז דער מענטש! ער האָט געשריבן קלאָר, שאַרף און פּרעציז. זיינע זאַצן זיינען פּאָלירט מיט דער מייסטערשאַפט פון א געניטן דימענט-שלייפער, וואָס ווייס אָפּצושאַצן דעם ווערט פון אוצר. זיין פובליציסטיק דינט נאָך היינט ווי א וועג-ווייזער פאַר א סך פון אונזערע מאָדערנע פובליציסטן אין דער העברייאישער פּרעסע און ליטעראַטור.

* * *

זיין היסטאָריש-פילאָזאָפישער וועלט-בליק וועגן אידנטום

אחד-העם, דער פאָטער פון קולטור-ציוניזם, האָט די אידישע געשיכטס-פילאָזאָפיע אַרויסגעפירט פון די טעאָלאָגיש-סכאָלאַסטישע אויסטייטשן און איר געגעבן א ספּעציפיש אידישע פיזאָנאָמיע. די אידישער געשיכטע, באַזונדערס די פילאָזאָפיע פון געשיכטע, איז נאָך גאָר א יונגער צווייג אין דעם אידישן קולטור-גאָרטן.

אחד-העם, וועלכער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דאַרווינס און ספּענסערס עוואָלוציע סיסטעם, פון העגעלס דיאַלעקטישן מעטאָד, וועגן דעם טעזיס, אַנטיטעזיס און סינטעז און פון דעם סאָציאַל-פּסיכאָלאָג טאַרד, וועגן דעם געזעץ פון אימיטאַציע — און באַזונדערס פון דעם אידיש-נאַציאָנאַלישן קולטור-היסטאָריקער, ר' נחמן קראָכמאַל און זיין ווערק „מורה נבוכי הזמן”, וואו ער אַנטוויקלט דעם דיאַלעקטישן מעטאָד אין דער געשיכטס-פילאָזאָפיע אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. אחד-העם, וועלכער איז באַוואָפנט מיט דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור, קאָמבינירט דעם אידישן וועלט-קוק מיט דעם סיסטעם פון אייראָפּייאיש וויסנשאַפטלעכן עוואָלוציאָניזם.

זיין מעטאָד אין געשיכטס-פאָרשונג האָט ער ניט פאַרפאַסט אין

א באזונדער ווערק. אָבער מיר באַמערקן זיין געשיכטלעכע ריכט־לי־ניע אין פאַרשידענע קלענערע פילאָזאָפיש־פּובליציסטישע אַרבעטן. אין זיין גלענצענדער עסיי „פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו" זעען מיר קלאָר, אַז ער שטייט אונטער דער השפּעה פון העגעלס און קראָכמאַלס סיס־טעם פון דיאַלעקטישן פּראָצעס. אַט זאָגט ער דאָרטן: „... מיט דעם וועג איז די פילאָזאָפיע אַריינגעקומען אין איהנטום אין מיטל־אַלטער. פריער — א נייע פּאָזיטיווע שיטה אין די הערצער פון יחידים. א באַדערפעניש צו פאַרשטיין די נאַטור־דערשיינונגען אין דעם מענטשלעכן לעבן, מיט דער אמונה דאָס צו דערגרייכן דורך דער אַראַבישער פילאָזאָפיע; דערנאָך — קומט די פאַרשפּרייטונג פון דער שיטה און דאַן א העפטיקע קעגנערשאַפט מצד די רבנים, וואָס האָבן געזען אין דער פילאָזאָפיע א סכנה פאַר דאָס אַלטע. שפּעטער קומען אַפּאָלאָגעטישע בריוו מצד די באַנייער, אין וועלכע זיי לייקענען לגמרי אָפּ די מיינונג פון די רבנים, אַז זייער שיטה טראָגט סימפּטאָ־מען פון געפאַר און דאַן — א פּשרה: די ערשטע איז געוואָרן א „געלייטערטע אמונה" און די צווייטע — „רעליגיעזע פילאָזאָפיע."

אַזוי דענקט אחד־העם זיינען אַלע באַוועגונגען און אידייען דורכגעגאַנגען אין אידישן לעבן. פריער ווערט דאָס קערנדל פאַר־זייט און דאַן הייבט עס אָן פּוילן און די דריטע סטאַדיע איז — ווי־דערבאַנייאונג. אַזוי פליסט דער פּראָצעס פון לעבן. אַלט און ניי פאַראייניקן זיך דורך דעם סינטעז.

אַנדערע פעלקער מאַכן דורך דעם סטאַדיום פון יונג, אַלט און טויט, אָבער דאָס אידישע פאָלק האָט די באַזונדערע אייגנשאַפט וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערן דורך ראַציאָנעלע סברות, וואָס גייט ניט דורך דעם זעלביקן פּראָצעס אין דעם לעבן פון פעלקער. עס איז דאָס פאָלק וואָס טראָגט אַלע שווערע פּיינונגען פון גלות, איז עס אייביק. אחד־העם פּרובירט די דאָזיקע געשיכטלעכע רעטעניש דערקלערן דערמיט, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט שוין זיין נאַציאָ־נאַלען אידעאַל געשמידט נאָך אין די צייטן פון די נביאים. דער דאָזיקער אידעאַל פון אבסאָלוטן יושר און דאָס העכער־שאַצן די גייסטיקע קוואַליטעטן און די גייסטיקע כוחות איידער די רויע, גראָ־בע, מאַטעריעלע קראַפט. די יעניקע וועלכע פּרובירן אָנווענדן די

מאטעריאליסטישע שיטה אין באצוג צו דער אידישער געשיכטע, גייען אויפן פאלשן דרך. זיי באנעמען ניט די היסטארישע אידישקייט. דאס פאלק פון גערעכטיקייט און יושר קאן ניט גיין אויפן וועג פון די אנדערע פעלקער. אמת, אז אידן זיינען אין דעם פרט אן „אתה בחרתנו"־פאלק, אבער ניט אין דעם זין ווי ניטשע פארטייטשט דעם „איבערמענטש". ער זאגט דאס אזוי שארף און קלאר אין זיין עסיי „דער כהן און דער נביא": „דער הויפט־געדאנק פון דער אידישער נבואה איז געווען: די ממשלה פון דער אבסאלוטער גערעכטיקייט אין דער גאנצער נאטור; דארטן, פון אויבן אויפן הימל דורך גאט, וועלכער האלט שטענדיק א גערעכטע מאס אין דער האנט און משפט אלע זיינע באשעפענישן מיט גערעכטיקייט, און פון אונטן — דורך דעם מענטשן, וועלכער איז געשאפן געווארן מיט דעם צלם אלהים און באדארף זיך דערנענטערן צו די מידות פון זיין באשעפער" . . . אט דער דאזיקער געדאנק — זאגט ער ווייטער — מיט אלע זיינע רעליגיעזע און מאראלישע צווייגן איז געווען די לעבנס־נשמה, פון די אידישע נביאים". אין אן אנדער ארט פון זיינע שריפטן זאגט ער אט וואס: „כמעט אלע אנערקענען די עטישע גענייאליטעט פון אידישן פאלק, זיי גיבן צו, אז אויף אט דעם געביט איז אונזער פאלק העכער פון אלע איבעריקע פעלקער . . . אט דעם באוואוסטזיין פון זיין מאראלישער „אויסדערוויילטקייט" האט דאס אידישע פאלק געטראגן אין זיין הארצן דורך אלע דורות, אין דעם האט ער געפונען טרייסט פאר אלע זיינע דורות" . . .

יא, דאס איז געווען און איז דער לעבנס־אידעאל פון אידנטום. וואלטן די נביאים היינט אויפגעשטאנען פון זייערע קברים, וואלטן זיי אין א וועלט פון ברוטאלער מאכט, ווייטער געפרידיקט די מאראל פון גערעכטיקייט. דא וואו ס'איז פאראן גערעכטיקייט, איז פאראן שיינקייט און ס'איז פאראן אמת! . . .

די מאטעריאליסטן פון אלע וואריאציעס האבן אונז דערקלערט זייער אויסראטונג־קריג, ווייל מיר זיינען געבליבן די איינציקע וואס האבן אקצעפטירט די דאזיקע קאנצעפציע. אנעמענדיק די אידעאליסטיש־מעטאפיזישע אויסטייטשונג פון לעבן, מיינט עס בשום אופן ניט, אז מיר איגנארירן די מאטעריאליסטישע טענדענצן. ריכטיק

זאָגט אחד-העם, אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען: „. . . די צוויי גרונט־טענדענצן אין מענטשן, דער גייסטיקער און דער מאַטעריעלער, דאַרפן און קאָנען לעבן אין פולקאָמער אחדות. אַן אינערלעכע האַרמאָניע, וועלכע קומט דורך דעם אַריינדרינגען פון דעם גייסטיקן עלעמענט אין דעם סאַמע מאַטעריעלן לעבן, בכדי דאָס אויסצוליי־טערן און אויסרייניקן פון דער העסלעכקייט, אַזוי אַרום אַז דאָס מאַטעריעלע לעבן אין זיין פולן אויסדרוק זאָל ווערן ווי אַ טייל פון גייסטיקן לעבן. דורך דער דאָזיקער אחדות, איז ניט דער גייסט נידערט אַרונטער, נאָר דער קערפּער דערהויבט זיך" . . . יאָ, וואָל־טען מיר פּראַקטיצירט די דאָזיקע מאָראַל, וואָלטן מיר איצט ניט דורכגעמאַכט דעם אַנאַרכיע־פּראָצעס פון אונזער מאָדערנער ציוויליזאַציע, ווי ניטשעס „סופּער־מענטש" דאָמינירט און האַלט די וועלט אין זיינע צוואַנגען דורך דעם ווילן פון מאַכט און בלוט.

ווי אַזוי באַציט זיך אחד־העם צו דער אידישער רעליגיע, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין אידישן לעבן אין משך פון פיל הונדערטער יאָרן. ער האַלט אַז „דער גלות און די צרות האָבן ניט איבערגעלאָזט פאַר דעם גייסט פון אונזער פאָלק אינם מיטלאַלטער קיין אַנדער לעבנס־קוואַל ווי די תורה. די תורה איז געוואָרן אַלץ און אַ איד האָט זיך ניט געקאָנט אַ ריר טאָן אָן דער תורה". . ,

אָבער טראָץ די דאָזיקע פּאָזיטיווע באַציאונג מצד אחד־העמ'ען צו דעם אידיש־רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, איז ער אָבער ניט געווען קיין פרומער אָרטאָדאָקס. ער האָט אפילו געהאַלטן אַז די פאָרמען, די טראַדיציעס פון אידיש־רעליגיעזן לעבן, האָבן געשפּילט אַ באַ־דייטנדיקע ראָלע אין אונזער לעבן, דאָך — דאָך האָט די שטרענגע קלעריקאַלע אָרטאָדאָקסיע ניט געקענט אָנעמען זיין געשיכטס־פילאָ־זאָפיע אַלס די פילאָזאָפיע פון אידישן לעבן. זיין קאָמבינירן אַ טייל פון די מאָדערנע אייראָפּיאישע סיסטעמען מיט דער סיסטעם פון דער אידישער עטיק איז לויט זייער רעליגיעז־טעאָלאָגישער אויס־טייטשונג, אַ פאַרקריפּלונג פון דער אידיש־רעליגיעזער מאָראַל. אינ־טערעסאַנט איז דער שטאַנדפּונקט פון אחד־העם צו דער ביבלישער פערזענלעכקייט, משה. דער לעגענדאַרער משה, וואָס ווערט פון דער

פרומער אָרטאָדאָקסיע און אפילו פון א טייל רעפאָרמער באַטראַכט אַלס דער שאַפער און אויספאָרמער פון דער אידישער מאָראַל־פילאָזאָפיע, קומט צו גיין אחד־העם און וואָגט אַרויסזאָגן דעם געדאַנק, „אַז פאַר אונז איז ניט וויכטיק דער רעאַלער משה, נאָר דער פאַנטאַסטישער, דער היסטאָרישער". פאַר דעם פרומען איד, וואָס וואָגט ניט מינערן אַ קוצו של יוד פון דער ביבלישער שאַפונג, קומט צו גיין אחד־העם מיט אַזאַ ראַדיקאַלן געדאַנק, אַז פאַר אים איז ניט וויכטיק צי אַזאַ פערזענלעכקייט איז גאָר אויף דער וועלט געווען. ער האַלט, אַז „משה איז פאַר אונז געוואָרן אַ פאָלקס־סימבאָל, אַן אידעאַל, דער וואָס איז געגאַנגען ניט פערציק יאָר אין מדבר סני, נאָר טויזנטער יאָר אין די אַלע מדבריות'ן, וואָס מיר זיינען געגאַנגען אין זיי פון מצרים ביז היינט" . . . אמת, אַז אחד־העם האָט זיך ניט פאַראינטערעסירט אין גריבלען זיך אין אַרכיאָלאָגישע השערות וועגן דער מעגלעכקייט, אַז די לעגענדאַרע געשטאַלט משה זאָל באמת זיין אַ רעאַלער פאַקט, ווי די ביבל דערציילט אונז. ער איז געווען פאַראינטערעסירט אין אָפּפרעגן די דייטשע ביבל־קריטיקער מכל המינים, מיט זייערע פאַרקריפּלטע טעאָריעס וועגן דעם תנ"ך און אונזער פאָלק־קולטור, וואָס האָבן אביסל אונטערגעזינדיקט אין אידן־פיינטשאַפט. ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען דעם געדאַנק, אַז אפילו ווען דער ביבלישער משה איז ניט געווען אַ רעאַלער פאַקט, איז עס פאַר אונז ניט וויכטיק. וויכטיק איז אַז זיין נאָמען און זיין לערע האָט אָנגענומען אַ פאָלקס־כאַראַקטער. זיין נאָמען לעבט אין דער פאָלקס־לעגענדע פון הונדערטער דורות, ווי אַ ווירקלעכע היסטאָרישע קראַפט . . . אָבער אָט דער מילדער שטאַנדפּונקט איז ניט געווען שטאַרק צום האַרצן דער פרומער אָרטאָדאָקסיע. אפילו אַזאַ ניט גאַנץ־פרומער מענטש ווי מענדעלע מוכר ספרים, דער פאָטער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור, איז ניט זייער שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פון אַזאַ שטאַנדפּונקט. דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו, דערציילט אין זיין אַרבעט „פון זשאַרגאָן ביז אידיש", אַז ווען אחד־העם האָט ביי אַ רעפעראַט אין קולטור־קלוב „בעסיאַדע", אַרויסגעזאָגט דעם דערמאָנטן געדאַנק וועגן משה'ן, האָט דער אַלטער מענדעלע זיך אָנגערופן צו דובנאָוו'ן: „אין דער תורה שטייט געשריבן:

ולא ידע איש את קברותו", קיינער ווייסט ניט וואו משה'ס קבר געפינט זיך, און איצט האָב איך געפונען זיין קבר: משה איז באַגראָבן געוואָרן אין קלוב „בעסיאַרדע", דורך אחד־העמ'ען . . .

אָבער דאָך האָט אחד־העם געגלויבט, אַז „ווער ס'האָט ניט קיין חלק אין אידישן גאָט, ווער ס'פילט אין זיך ניט קיין גייסטיקע קרובה־שאַפט צו יענער „אויבערשטער וועלט", וואָס איר האָבן אונזערע עלטערן אָפּגעגעבן זייער מוח און האַרץ אין אַלע דורות און פון איר האָבן זיי געשעפּט זייער מאָראַלישע קראַפט — דער קאָן זיין אַ כשר'ער מענטש, אָבער קיין נאַציאָנאַלער איד איז ער ניט, אפילו אויב ער וואוינט אין ארץ ישראל און רעדט אויף לשון־קודש" . . .

אחד־העם, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף אַן אַנדער אָרט, האָט ביטער באַקעמפט די אַסימילאַציע און די מיסיע־טעאָריע, אַלס סוראָגאַט פון אידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק.

ער איז אויך שאַרף אַרויסגעטראָטן און אין אַ פּאָלעמיק קעגן דער שיטה פון „גלות אויטאָנאָמיזם", וואָס ס'האָט אין יענער צייט אַנטוויקלט דער גרויסער אידישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו אין זיינע „בריוו וועגן היסטאָרישן אידנטום". אחד־העם האָט געהאַלטן, אַז אַלע טעאָריעס וועגן לייזן דאָס אידנטום־פּראָבלעם אין גלות, וועלן באַנקראָטירן. כאָטש ער האָט ניט נעגירט דעם גלות, ווי עס טוען אַ סך פּאָליטישע ציוניסטן, אַלס אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין דעם אויפהאַלט פון דעם אידישן פאָלק און זיין קולטור.

זיין צוקונפט פּערספּעקטיוו פאַר דעם אויפהאַלט פון דער אידישער קולטור, זעט ער אין דער עטאַבלירונג פון גייסטיקן צענטער אין ארץ ישראל, וואָס וועט דאָס אידישע פאָלק דערמעגלעכן ווייטער שפּינען זיינע נאַציאָנאַלע אידייען. די דאָזיקע אידעאַלן קאָנען ניט געשאַפן ווערן אין גלות. „עס פאָדערט זיך — זאָגט ער — פרייהייט פון פאָלקס־גייסט, אַ פרייע באַוועגונג אין דער היסטאָרישער אַטמאָספערע". אמת, ס'זיינען געשאַפן געוואָרן גרויסע גייסטיקע ווערטן אין גלות, אָבער נאָר דאַן ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן וועגן ארץ ישראל און אַלס המשך צו די קולטור־פעדים, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן שפּינען אין ארץ ישראל . . .

דעם דור, וועלכער האָט זיך געפונען אויפן „שייד־וועג", האָט

אחד-העם אונטערגערוקט זיין „קאטעגארישן אימפעראטיוו" פון יהדות. זיין אידישקייט איז, אבער, געווען דער פולער אויסדרוק פון דער נביאים־אידישקייט, וואס איז, אייגנטלעך, דער סינטעז פון אידישקייט פלוס מענטשלעכקייט. ער האט געוואוסט, אז א פאלק קאן מען ניט אויפלעבן דורך כישוף־שפרוכן. ער איז ניט געווען דער רעוואלוציאנערער בונטאר, טראץ דעם וואס ער איז געווען קאנסעקווענט און עקסטרעם אין זיינע פאדערונגען. ער האט געהאלטן אז די באנייאונג פון אונזער נאציאנאלן לעבן, מוז קומען דורך א באוואוסטזיניקן עוואלוציאנערן פראצעס און ניט דורך רעוואלוציאנערע מעטאדן. פינסקער און הערצל האבן געזוכט א היים פאר אידן און אחד־העם האט געזוכט א היים פאר דער היימלאזער אידישער קולטור. ער איז געווען פון אונזערע יחונן בן זכאי׳ס און פון די משה העס׳עס, וואס אקצענטירן מער אויף אידישקייט ווי אויף טעריטאריעל־מאטעריעלע פאקטארן. דער גרויסער טשעכאסלאוואקישער מאסאריק, וואס איז פאר זיין פאלק, אפשר, אויך געווען ווי אחד-העם פאר אונזער פאלק, האט באטראכט אחד־העמ׳ס שטרעבונגען, די שטרעבונגען פון א פרייען פאלקס־גייסט וואס האט איין צענטראלע אידייע: די אידייע פון פרייהייט פאר זיין פאלק . . .

אחד־העם איז געווען אונזער גרויסער וויזיאנער און דענקער, טראץ דעם וואס ניט אלע געדאנקען זיינען מיר גרייט צו אקצעפטירן, אין ליכט פון די זיגזאגישע געשעענישן, וואס זיינען פארגעקומען אין די לעצטע יארן פון אונזער פאלק, דאס מינערט, אבער ניט, בשום אופן ניט, זיין קאלאסאלע השפעה אין אונזער נאציאנאל היסטאריאגראפיע.

די לעצטע יאָרן און דער פינאַל פון א ברויזנדיק לעבן

אין 1922 באַזעצט זיך אחד־העם אין ארץ ישראל, נאָכדעם ווי ער פאַרלאָזט די טיי־פירמע וויסאָצקי אין לאָנדאָן. ער פילט זיך דאַן דערשלאָגן פון דער וועלט־מלחמה און פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט אזוי גרויזאם און טראַגיש אָפּגעריסן איינעם פון די שטאַרקסטע און איינפלוסרייכסטע קיבוצים פון דער אידישער וועלט, און באַזונדערס פּלאָגט אים זיין פּערזענלעך־אינטימע טראַגעדיע, וואָס זיינע א טאָכטער האָט געהייראַט א ניט־אידן, און איבערגעגאַנגען צו אן אַנדער רעליגיע. אויך זיין זון, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אידיש־נאַציאָנאַלן גייסט האָט אים קיין גרויס הנאה ניט פאַרשאַפט. ער האָט געוואָלט, אַז זיין זון זאָל זיך מיט אים דורכשרייבן אין העברייאיש, אין דער שפּראַך פאַר וועלכער ער האָט אזוי הייס־גלוסטיק זיך איינגעשטעלט, און דער זון, ווי צו להכעיס, האָט געשריבן אין רוסיש. קאָן זיין, אז אנדערע עלטערן וואָלטן עס ניט באַטראַכט פאַר קיין גרויס אומגליק, אָבער פאַר אים, דעם קעמפער פאַר נאַציאָנאַלע אידעאַלן, איז עס געווען א שווערע איבערבלייבעניש. דאָס האָט צעבראָכן און צעטרייסלט זיין געזונט־צושטאַנד.

כאָטש די אידישע תל־אביב האָט זיך געגרויסט מיט איר גרויסן בירגער, און קליין און גרויס האָבן אים אויף די עלטערע יאָרן פיל כבוד צוגעטראָגן; יעדע נייע דערשיינונג אין יונגן בליענדיקן ישוב, האָט אים פיל פרייד און נחת פאַרשאַפט, האָט דאָך געוויינט א שטי־לער טרויער אין זיין נשמה, וואָס האָט זיין ניט־איבעריק שטאַרקן קערפּער קיין גאָר גרויסע טובה ניט געטאָן.

שוואַך אין געזונט, גרייט ער דעמאָלט צו זיינע בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער און מיטקעמפער פאַר דעם אידישן אויפבוי און אידישער באַפרייאונג. ער פאַרעפנטלעכט א טייל פון זיינע מעמוארן. ער באַטייליקט זיך פון צייט־צו־צייט אין געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. אין טאָג פון זונטיק, דעם 28־טן

טאָג אין טבת פון יאָר תרפ"ז, אָדער לויטן אַנגענומענעם קאַלענדאַר, דעם 2־טן יאַנואַר, 1927, ווערט זיך אַ טרױער־טאָג איבער דער גאַנצער אידישער וועלט די טרויעריקע ידיעה, אַז דער גרויסער דענקער און קעמפער, אחד־העם, האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אויף אייביק. ער איז מקבר געוואָרן לעבן דעם גרויסן אידישן פאָלקס־טריבון, מאַקס נאָרדוי. אזוי, ווייזט אויס, איז די איראָניע פון לעבן. אויב מ'קאָן זיך ביים לעבן ניט פאַראייניקן, רוקט זיך אונטער דער טויט און גלייכט אויס אלע גרעניצן. ביים לעבן פירן ביידע א העפטיקן קאַמף, הגם ביידע רעספּעקטירן איינער דעם אנדערנס אינטעלעקט און ערודיציע, און ביים לעצטן אַקט פון לעבן ליגט מען זיי צוזאַמען . . . ביים אָפענעם קבר זיינען אים מספּיד: מ. דיזינגאָף, דוד יעלין, דר. מאַסאָנזאָן, הרב הראשי בן-ציון עזיאל, י. סופּראַסקי, ח. נ. ביאַליק, משה סמילאַנסקי, מ. אושישקין און ש. לעווין. א טייל פון די אויסגערעכנטע הספּר־מאַכער געפינען זיך שוין אויך אויפן עולם האמת.

די אידישע וועלט האָט דעמאָלט לאַנג געטרויערט נאָך איר גרויסן נפטר. זיין נאָמען וועט זיכער פארשריבן ווערן מיט גאָלדענע בוכשטאַבן אין די אנאַלן פון אידישן פרייהייט־קאַמף. א טייל פון זיינע אידייען זיינען שוין היינט געוואָרן רעאַלע פאַקטאָרן אין דעם לעבן פון יונגן ישוב. א סך פון זיינע אידייען זיינען אפשר שוין אביסל פאַרעלטערט, אין אונזערע טעג פון צער און צאָרן, אָבער דאָס לעבן שאַפט שוין די נויטיקע סינטעזן . . .

ביבליאָגראַפיע

מ. גליקסאָן — אחד־העם, חיו ופעלו, ירושלים.

אחד־העם — פרקי זכרונות.

אַלגעמיינע ענציקלאָפעדיע אין אידיש.

יהודיש ענציקלאָפעדיא.

נאַציאָנאַל־ביאָגראַפיעס — ווינער.

דע־האז'ס ענציקלאָפעדיע.

אבא גאָרדאָן — אחד־העם און זיין לערע — „צוקונפט", 1937.

נאָרמאן בענטוויטש — אחד־העם (ענגליש).

ביעלסקי — אחד־העם (דייטש).

נ. בירנבוים — אחד־העם (דייטש).

מ. קלאצקין—אָפּהאַנדלונג וועגן אחד-העם („צוקונפט", 1924).

מ. קלאצקין — אין זיין בוך: „מאָדערנע פּראָבלעמען פון אידנ־טום.

דר. ר. מאַלער — אחד־העמ'ס פילאָזאָפיע פון דער אידישער געשיכטע און קולטור („יונגער היסטאָריקער", ווארשע 1929).

חיים נחמן ביאַליק — א פּאָעמע געווידמעט אחד־העמ'ען, אין אידישער איבערזעצונג פון י. י. שווארץ.

„טרי טייפּס אָף הערצליאַן אָפּאָנענטס" פון דר. שלום שפּיגל, (הערצל מעמאָריעל בוק).

ל. סיימאן — הערצל און אחד־העם (הערצל מעמאָריאל בוק).

יוחנן פּאָגראבינסקי — אחד־העם און זשאבאָטינסקי („אונזער וועלט", ווארשע, 1937).

אחד־העמ'ס שריפטן, אידישע איבערזעצונג פון ש. זעצער.

קאָלעקטעט עסעיס אָף אחד-העם — ענגלישע איבערזעצונג פון לעאָן סיימאָן.
אגרות אחד־העם.
„הדואר" צום 10טן יאָרצייט, ספּעציעלע אויסגאבע.
„השלוח" אויסגאבעס.
„על פרשת דרכים", 4 בענד.
דובנאָווס נייעסטע אידישע געשיכטע, 2טער באנד.
קלויזנער וועגן אחד־העם.
פרידלענדער — „פּעסט ענד פּרעזענט".
פּ. לחובר — ראשונים ואחרונים.
שמעון ברנפלד — בדעת אלהים.
„ל'הומאניסם זשוויף" — הענס קאָהן, פאריז.
דר. א. קאַראַלניק — עסיי וועגן אחד־העמ'ען.
צבי הירשקאָן — אחד־העם (ביאָגראפישער ראָמאן).

אינהאלט:

אריינפיר־וואָרט — — — — — — — — — — — — — — 3

די סביבה און דער איינפלוס אויף אחד־העמ׳ס לעבן — — — — 7

דער פרומער זיידע און די עלטערן — — — — — — — — — 11

געברוט־שטאָט, קינדער־יאָרן, אידישע און אלגעמיינע דערציאונג 13

דער אָנהויב פון זיין געזעלשאפטלעך־ליטעראַרישער טעטיקייט — 16

זיינע היסטאָרישע רייזעס און דער פּאָלעמישער שטורם — — — 20

אחד־העמ׳ס ציוניסטישער אני־מאמין — — — — — — — — 24

„א פארברענטע נשמה אין א לעבעדיקן גוף“ . . . — — — — — 34

אחד־העם און זאב זשאַבאָטינסקי — — — — — — — — 40

דער שפראך מאניסט — — — — — — — — — — — — 45

דער שריפטשטעלער און זיין קאמף פאַרן געדרוקטן וואָרט — 48

זיין היסטאָריש־פילאָזאָפישער וועלט־בליק וועגן אידנטום — — 52

די לעצטע יאָרן און דער פינאַל פון א ברוויזנדיק לעבן — — — 59

ביבליאָגראפיע — — — — — — — — — — — — — — 61

ISBN:0-657-04889-5